STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00418

GEKLIBENE VERK

David Hofstein

Permanent preservation of this book was made possible by
Arthur S. Abramson
in memory of
Vallie Olshansky Abramson

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דאָוויד האָפּשטיין

גע-
קליבע-
נע
ווערק

פארלאג „סאָוועטסקי פיסאטעל"
מאָסקווע · 1968

С (Евр) 2
274

די צונויפשטעלער —

פ. האָפשטיין און ש. כאַלאַדענקאָ

7-4-3
281-68

ווען דער טויט זאָל זיך ניט קערן,
ווו די זאך זאָל ניט געשען.
כיהער די ליד, וואָס איך וויל הערן,
כיזע דאָס בילד, וואָס איך וויל זען.

כיזע די בערג, און כיזע די פלאכן,
כיהער פון אויסלייזונג די ליד,
וואָס אף אלע, אלע שפראכן
האָט א וועג זיך אויסגעגליט.

אף די בערג און אף די פלאכן
כיזע דעם בלי פון מײַן געמיט,
כיהער אין אלע, אלע שפראכן
אויך דעם אָפּקלאנג פון מײַן ליד...

פונעם בוך

„בא וועגן"

(1919)

בא וועגן

(1912)

* * *

א גאנצן טאָג
אין רעשוס פון וועגן זײַן,
א גאנצן טאָג
נאָר ווינט אנטקעגן האָבן,
און צווישן וועג און אָנוועג — נאָר א שמאָלן גראָבן,
נאָר וויִעם יונגע — צווישן אויג און זונענשײַן —
וואָס קאָן אַף ערד
נאָך שענער זײַן?

* * *

איך גלייב,
א ריגל דאָרט א גרינגער
פון מיט פון הויכער טיר
שוין וואַרט אַף ערשטן ריר
פון מײַנע מידע פינגער.

פון שטילע ווינקלען פיר
דאָרט וואַרט שוין איינער
אַף מײַן פאַרברענטן וואַנדער־שטעקן,
א קרוג מיט וואַסער פול מיט ריינער
שוין וואַרט אַף שטויב,
וואָס ליגט אַף מיר,
אַף שטויב פון ווײַטע שטעגן...

* * *

אין בלוי פון מײַנע טונקעלע פּאַרטאָגן,
ווי כ'וואַנדער לאַנג,
די ערשטע מיזרעך־צייכנס האָבן דורכגעשלאָגן
א העל געזאַנג:
— עס הייבט אָן טאָגן!

און ווען מײַן האַרץ מײַן מידס האָט קוים געטראָגן
פון אָנווענן דעם אָל,
האָט עס דערהערט בא ראָזער שײַן פון טאָגן
א לויטער קאָל:
— דו וועסט דערטראָגן!..

* * *

באַ וועגן באַ וויַיטע,
ווו רעדער ווו בלינדע
פאַר ווינטן פאַרשפּרייטע
אַלץ מאָלן און מאָלן די היימלאָזע שטויבן —
דאָרט האָב איך אַף פעלדער פון העפקער מיַין זייונג געקליבן.

איך האָב אַף מיַין אַקסל אַ מאַסע גענומען
פון זוימען באַפּיַיכטע מיט האַרבסט־טויען קאַלטע,
מיט זיידנס יערושע, מיט שטעקן מיט אַלטן,
מיט אַלטן פאַרשטויבטן, פאַרשרומפּענעם לאָגל...
געלאָזט זיך אַף וועגן, אַף וואַנדער, אַף וואָגל...

צום הימל צום הויכן
פון היימען פון פרעמדע געגאַן זיַינען רויכן...
באַ ניד'ריקע פּלויטן
געוואָרט האָבן פרישע צעאַקערטע בייטן...
מיט עלנט־געבעט און מיט פּאַכעד געהיימען
געזייט האָב איך זוימען באַ ווילד־פרעמדע היימען.

אַף ערדן אַף ווייכע איצט שטיי איך ביז קנעכל
אַף אייגענע בייטן, אין ליידן פאַרזייטע...

כ׳באשווער אײַך הײַנט, פֿויגלען, אײַך, ווינטן, אײַך, האָגלען!
מײַן זייונג ניט קלײַבן, מײַן זייונג ניט שלאָגן!
איך האָב מיר מײַן זייונג אַף אַקסלען דערטראָגן
פֿון וועגן פֿון ווײַטע, פֿון וואַנדער, פֿון וואָגל...

* * *

איך גליב, ס'איז מיר באַשערט
אויף מײַן ירושה־ערד
דעם אש פון אלע סרייפעס אויסצוראַמען
און אָט די ערד אפסנײַ פאַרצאַמען.
איך ווייס קיין וואָג, איך ווייס קיין צאָל,
איך האָב קיין מאָס־שנור ניט געצויגן, —
נאָר זײַלן בלאַנקען שוין אין לופט־קרישטאָל
און פירן מײַנע אויגן,
און שײַן פון ווענט פון שלאַנקע, ווי יעריִעס,
מיט מוטערפּערל שפּילט אויף מײַנע וויִעס!
און ס'איז אין האַרץ פאַר יעדן שטראַל
שוין גרייט
א נעסט פון פרייד...

* * *

...א דאנק אײַך, וואנדער־וועגן ברייטע!
פֿאר מידע גלידער, וואנדער־שטויב,
פֿאר נעכט בא פֿײַערן, פֿאר טעג צעזייטע,
פֿאר אלע צייכנס פֿון מײַן גאנג —
אײַך אלע מײַן געזאנג!

* * *

איך בין, מײַן וועלט, אפסנײַ צו דיר געקומען!
איך האָב מיך קוים מיט ברעג פון נאכט געזעגנט,
האָט שוין מײַן אויג מיט העלער שײַן בארעגנט
דעם ברייטן גלאנץ פון דײַנע הויכע זײַלן!..
איך בין, מײַן וועלט, אפסנײַ צו דיר געקומען
א טאָג א ליכטיקן בא דיר פארווײַלן.

אפסנײַ האָב איך הײַנט אָנגעקלונגען
אין גרויסן גלאָק באם דורכזיכטיקן טויער,
מיט נײַער פרייד האָט נאָכגעזונגען
דעם לויטער־קלאנג מײַן ציטעריקער אויער...
פון ענגער שטײַג פון שטײַפע ריפּן
מײַן הארץ זיך רײַסט מיט מונטערדיקן קלאפּן,
מיט דאָרשט זיך ציִען מײַנע ליפּן
נאָך יעדן לופטיקן פרימאָרגעדיקן טראָפּן,
עס קלינגט מײַן צונג, עס שאלט מײַן גומען:
איך בין, מײַן וועלט, אפסנײַ צו דיר געקומען!

* * *

די זון האָט היַינט צום נײַעם פֿאַנצער מיַינעם
די לעצטע גאָלד׳נע ליסקע צוגעלייגט
און מיר פֿאַרמישט פֿון קישעף־וויַינען
א בעכער פֿרייד.

און אונטער גרינגער לאַסט פֿון גאָלד׳נע רינגען
האָב איך געקניט צו צאַרטער האַנט
און האָב מיט הייסן דאָרשט געשלונגען
פֿון קילן ראַנד...

דאָס וויפֿלטע שוין מאָל? איך וויל ניט ציילן —
איך בין היַינט אָנגעגורט מיט זונען־שיַין,
איך גיי אַן מוירע היַינט אין אַלע שוואַרצע היילן
פֿון וועלט און זיַין...

פעלדער

(1912)

* * *

דאָרט אױף בלױע נאַכטן־שנייען
צװישן הױלע בײמער־ריטער
שפּאַנט מײַן מאַלעך, שפּאַנט דער היטער
פון די ערשטע שטומע װײען...

אונטער הױכן, הײסן הימל,
אױף באַזונטע ברייטע װײַטן
שװעבט מײַן יוגנט א פאַרשײַטע
אין א גאָלדן קאָרן־רעמל.

שנייען, ברייטן, הימלען קלאָרע —
אײַך מײַן ערשטע, אײַך מײַן לויטערע אזקאָרע!..

אין ווינטער־פארנאכטן

1

דאָרט איבער שטעט האָט שוין געקלונגען
פון שפּיץ פון טורעם אי איינס, אי צוויי...
אין טהאָם פון נאכט, אין לאנד פון שניי
איז איינס א דערפעלע פארזונקען...

ווי אינדזעלעך פון מענטשן־דרו,
אין שטרוי פארהילט, אף נאכט פארווארעמט,
מיט שטאל און פלויט אין שלאָף געארעמט
פאר הײַזעלע א הײַזל האלט זיך צו.

די שטערנדיקע שטילקײַט הערט זיך אײַן
אין שטילן אָטעם פונעם לעבן —
אין הײַזל איינעם איז פארבליבן
א שטילע ראָד פון לאָמפּן־שײַן...

די שלעפערדיקע ווינקלען הערן קוים
פון טיש א שאָרך פון בלעטער,
נאָר יונגע אויגן ווערן אלץ ניט זעטער...

א בינטל ציטעריקע יאָר
פארזונקען איז אין שטראָם פון צײַטן,
א שארפער בליק — אין ווײַטסטע ווײַטן,
א יונגער גײַסט — אין וועלט, אין גאָר...

עס שטאמט מײַן מוט פון יענער נאכט,
פון יענער נאכט — מײַן שטאָלצער טרויער,
כ׳האָב איינזאם־פרײַ שוין דאן געוואכט
בא לעבנס־טיר, באם וועלטנס־טויער.

2

אין ווינטער־פארנאכטן אף רוסישע פעלדער!
ווי קאָן מען זײַן עלנטער, ווי קאָן מען זײַן עלנטער.

א פערדל אין אלטינקס, א סקריפּנדער שליטן,
א שליאך א פארשנייטער — און איך בין אינמיטן.

פון אונטן, אין אײנציקן ווינקל אין בלאסן,
נאָך לעשן זיך טרויעריק טליִענדע פאסן.

פון פאָרנט פארשפרייט זיך א מידבער א ווײַסער,
און ווײַט דאָרט צעזייט איז א צענדליקל הײַזער,
דאָרט דרעמלט א כוטאָר, פארזונקען אין שנייען...

צום יידישן הײַזל פיל סטעזשקעלעך גייען,
א הײַזל, ווי אלע, נאָר גרעסער די פענצטער,
און צווישן די קינדער דאָרט בין איך דער עלטסטער...

און ענג איז מײַן וועלטל, און קליין איז מײַן רעדל:
אין צוויי וואָכן איין מאָל פון כוטאָר אין שטעטל,

און בענקען אין שווײַגן פון פעלדער פון ברייטע,
פון וועגן און וועגלעך פארשנייטע, פארווייטע...

1—308

און טראָגן אין הארצן פארבאָרגענע ווייען
פון זוימען, וואָס ווארטן און ווארטן אױף זייען...

אין ווינטער־פארנאכטן אױף רוסישע פעלדער!
ווי קאָן מען זײַן עלנטער, ווי קאָן מען זײַן עלנטער?

3

אוועק דער שאבעס שוין...
אױף ווײַטע שנייען
א גרויסער עמעצער
שיט גראָווע אש...
אין קליינעם קלייטעלע
שוין ווארטן צווייען:
א טונקל מיידעלע,
א שווארצע פלאש.

די בײַטש איז אויסגערוט,
דאָרט צווישן אויוון
איז זי מיט פינצטערניש
געדיכט פארשטעקט.
א נעפל־טישטעכל
האָט דאָרטן אויבן
דאָס לעצטע קוילעטשל
שוין שטיל פארדעקט...

דער טאטע האָט אָפּגעריכט
די דריטע סודע
און ווערט מיט טונקלקײַט
מיט טיש פארוועבט,
און צווישן שוועסטערלעך

און שאָטנס מידע
א מורמל־פעדעמל
זיך וועבט און וועבט...

די מאמע זוכט אין שויב
א ווייַטן שטערן —
און ניט געפונען אים
און זיצט פארטראכט...
איך זינק אין אומעטקייַט
און וויל ניט קלערן,
אז ס'ווארט די קו אף מיר,
אף היי, אף נאכט...

* * *

א קאלטער פארצאָרנטער אָוונט
אף ווײַסע פארגעסענע פעלדער.
פון אלעמען צים מיט אורעלטער
און אלעס איז ווײַט מיר און נאָענט.

אן אלטער שאָסיי א באקאנטער
מיר טרײַבט אלץ די סטויפּעס אנטקעגן,
עס דאכט זיך מיר אויסעט, איך וואנדער
אף פרעמדע פארצויבערטע וועגן...

אָט שטייט דאָרט א וועלדל — א שווײַגנדע איידע —
און ס'לויפן אלץ סטויפּעס, און ס'הודיען אלץ דראָטן...
אף פעלדער אף ווײַסע מיר יאָגן זיך ביידע —
מײַן שאָטן נאָך מיר נאָך, און איך נאָך מײַן שאָטן...

פרילינג

1

טאָג נאָך טאָג שוין ציט פון דאָרעם,
ס'איז מײַן שטיבל קליין און אָרעם,
ס'קאָן מײַן טיר מיך ניט פארהאלטן...

טאָג נאָך טאָג שוין ציט פון דאָרעם...
עמעץ דאָרט אין וועלטן־עקן
וויקלט איבער א יערוָע,
און אין אירע טיפע פאלדן
פּלאָנטער איך זיך פון באגינען
ביז פארפלאמטן ראנד פון שקיָע...

2

די שנייען־טוכן ליגן ניט בארירט
דאָרט אין באהעלטעניש פון וואלד פון טיפן —
נאָר וווּ א וועג א העלער פירט,
איז יעדער צווײַג מיט ווינט שוין דורכגעשליפן.

באנאכט אף פעלד נאָך שניצן זיך און מאָלן
די לעצטע אויסגעוועפטע פרעסט.

אומזיסט!
דער היישעריק דער ווינטישער דערעסט
די פוילע שנייען אין די טאָלן.

און אונטער זון!
פון בערגלעך ציט א בוימלדיקער רויך,
און שווארצער זאפט פון ערד זיך זאמלט אין די היילן...
און אונטער זון!
אלץ גרינגערווארפט דער קאָפּ זיך אין דער הייך
אין שנור פארבראָכענעם די בושעלעס צו ציילן...

* * *

די קריִע גייט —
און ברעגן נעמען ברייט
דעם וואסער־יאָך
אף אקסלען ווייך־באוואקסענע,
און לאָזעם בוקן זיך
פאר זונען־פרייד...

און לאָזעם איינע וועלן די פארהיילטע דראפּן
אין פרישן טײַך באנײַען,
און איינע וועט עס אונטערשווענקען,
מיט וואָרצלען זיי פארכאפּן
און פירן אין די וואסער־לענגען...

נאָר העל איז זונען־פרייד!
אף טײַך אף פרײַען קריִע גייט!
און שטענגלעך בוקן זיך:
מיר זײַנען גרייט, מיר זײַנען גרייט...

האלב מײַ

דער טאָג פארגײט...
א טאָג — א וועלט א גאנצע — האלט בא זינקען
און שטעלט די לעצטע טריט אף הימלס נידער־טרעפּ.
זײַן פײַער־קלײד
האָט מײַנע אויג־מעלוכעס שוין פארטרונקען
מיט זײַן צעוואָרפענעם באפײַכטן שלעפּ.
און מיט געוואלד
האָט ער מיט גאָלד'נע קײטן צוגעצויגן
די גאנצע ווײַט ארום צו זײַן פארגאנג:
דעם בלויען וואלד,
דאָס גאנצע וועזן מײַנס דורך מײַנע אויגן
און אף די יונגע פעלדער יעדער וויקל־זאנג.

אין וואלד

ס׳איז האלבער טאָג. ס׳איז מיד דאָס אויג פון שײַן.
דער מויעך — אָנגעזעט מיט פינקלען.
דורך הויכע זײַלן כ׳גיי אַרײַן אין שטילע ווינקלען,
אף שאָטן כ׳לייג זיך צו, מיט שאָטן כ׳דעק זיך אײַן.

און ווער פארקליינט, פארדינט. בא מורעשקעס אין הויפן
פון הויכן טורעם קלינגט א גלאָק!
מיליאָנען פיס דאָרט האלטן אין איין לויפן
פון טיר צו טיר, פון שטאָק אף שטאָק.

אָט אײַלט דאָ איינע נעבן מיר. מיט גרויסער האנט
כ׳האק איבער איר דעם וועג און קוק אָן לאכן,
ווי בעריזש ווארפט זי זיך, ווי אף א גלײַכן,
און ס׳ברענט אין הארץ בא איר א פײַער־בראנד.

אָט בין איך ווידער גרויס, כ׳שטיי אוף און גלײַך זיך אויס.
ווי הויך די זון איז, כ׳גיב א קוק דורך הויכע פענצטער —
איצט צווישן ביימער־ברידער בין איך שוין דער קלענסטער
און טראָג ארויס מײַן יונגע פרייד פון זייער הויז...

* * *

עס זײַנען פֿאַרפֿולט שוין די פֿעלדער מיט שײַן
  און גייען שוין איבער;
און וואַלדישע ברעגן ניט האַלטן שוין אײַן —
  און זון גייט אַריבער.

און ס'העלן זיך וועלדער פֿון בערגל ביז טאָל,
  און ס'בלייכן זיך מאָכן.
און ס'זײַנען שוין זוניקע פֿלעקן אָן צאָל
  אַהין אויך פֿאַרקראָכן...

שניט

גיי איך ארום מיט פארהײַטלטע בליקן
אין כוואליעס פון היץ,
און זאנגישע גאָלדן זיך טוקן
פלעקן פון ציץ...

ס'וויל קיינער ניט שטויבן אף דרעמל פון וועגן...
ס'וויל קיינער ניט פרעגן,
וואָס בויטע איך כוואליעס פון היץ?
וואָס זוך איך מיט הײַטלעך אף בליקן?..
און זאנגישע גאָלדן זיך טוקן
פלעקן פון ציץ...

אין וועג

אָשער שוואַרצמאַנען

ס'איז העל דער טאָג. ס'איז שטיל די הויל
פון פעלדער ברייטע!
אף ווינטן ווארט א גראָזן־קנויל
מיט זוימען ניט צעזייטע...

אין טאָלן דאָרט שוין גרייט דער הארבסט
דעם פּײַכטן זשאווער...
אין קלאָרער רו זײַ הײַנט, מײַן הארץ,
דעם העלן טאָג א כאווער!

לעצטע טעג

אויב ניט דער לעצטער איז ער שוין, דער טאָג דער בלאסער,
ער ראמט ווי אוים די מינדסטע שפור פון שײַן —
א ווינט קומט אָן און קנייטשט דאָס שטאָל פון וואסער
און יאָגט געשווינד אין העלן וואלד ארײַן.

פארלאָזן שטייען לאנג די הויכע טיר און טויער —
א שאָרך פון בלעטער אים באווײַזט דעם וועג,
ער זעט, ס'איז אלץ שוין גרייט צום טיפן טרויער,
צו גרויער רעגן־נעץ פון כעשווען־טעג...

נאָר אָט א לאָנקעלע — דעם אָטעם האלט ער אײַן —
ווי קליינע קינדערלעך ארום א פולער מולטער,
דאָרט שטייען רויטע דעמבעלעך אין העלער שײַן...
דער ווינט — ער קוקט און ווערט אלץ מילדער, מילדער.

און פאר פארגיין שוין בלײַבט די זון א ביסל שטיין —
מיט לאָנקעלעך אין וואלד האָט זי זיך ניט געזעגנט.
ס'איז נאָך א טאָג געשענקט פאר אונדזער געגנט,
ס'האָט נאָך א שטילער טאָג געלאָזט זײַן העל געביין!..

* * *

די נאסע נעץ פון טריבער כעשוועז־צײַט
האָט נאָך גאנצפרי א העלע שאָ געפאנגען
און פאר א פליגעלע א ווײַס אין מיזרעך־זײַט
זי אופגעהאנגען...

און ס'האָט מײַן הארץ געזען ביז טיפער נאכט,
ווי העלע פעדערלעך האָבן הויך געפלאטערט,
ווי וויִעס העלע האָבן זיך שטילערהייט פארמאכט,
פארשמאכט, פארמאטערט...

הארבסט

ד. בערגעלסאָנען

אין לאַנגן דויערן פון נאַכט פון טריבער
איין טאָג דעם צווייטן
אין גראָווע פּאָלעס ברייטע
דעם קאַלטן טוי גיט איבער.

און אַלטער טויער לאָזט אַרויס
אַ הײַפל שטילע רינדער
אויף בעטלערישן זוכן
אין אָרעמען אַרום.

עס שפּרינגט זיך דורך
פון הויז צו הויז
אַ באָרוועס בינטל קינדער,
און קאַלטע קאַליוזשעס זיך קוקן אום,
ווי פיסלעך טונקעלע זיי מײַדן אויס.

אַ ווינט כאַפּט אויס
פון מויל
אַ פריילעך קאָל,
אַ בייזן הוסט,
און ווידער שטום,
און ווידער הויל,
און ווידער פּוסט...

קאווקאז

(1912)

* * *

א רווישנדיקע גאַס אַרוף א באַרג,
פון מענטשן, פערד און רעדער א געווימל,
א הויכע שטיק סאַף־זומערדיקן הימל —
וואָס דאַרפסטו נאָך, וואָס איז דיר קאַרג?

דעם רווישנדיקן טאָג, וואָס יאָגט פאַרביי,
האָסטו בעיאַד נאָך, ווי א קינד, צו קוקן
אין פאָנעם גלייך, אין שוועבנדיקן רוקן,
הייב אוף דעם קאָפּ, ביסט איינזאַם־פריי!

אן אנדער לעפל לופט פון הימלשן געצעלט!
א צווייג און אנדערע פאַר נעסט פאַר דיינעם! —
צי איז דאָס ווערט, זאָלסט וועגן דעם גאָר טיינען
מיט גאָרער טרויעריקער וועלט?

פאַרוואָס, זאָג, אף דער וועלט דאָ גיסטו אָפּ
דעם מינדסטן ריר פון האַרץ פון בלינד־פאַרשייטן?
איין־איינציק הערעלע פון ווילדן שייטל
פון דיין אנטפּלעקטן שטאָלצן קאָפּ?..

* * *

Мы ночевали на казачьих постах.

А. Пушкин

און ס׳איז מײַן פֿײַן פֿאַר מיר דערמיט באַרעכטיקט
און ס׳איז דערפֿאַר מײַן בענקשאַפֿט אָפּט מיר זיס:
עס האָט זײַן קאָפּ דאָ אַףֿ דעם באַרג געגעכטיקט,
עס האָבן אָט דעם וועג באַטראָטן זײַנע פֿיס...

פֿון צאַרטער יוגנט דאָרט אַףֿ פֿעלדער־ברייטן
שוועבט שטענדיק איבער מיר זײַן פֿרײַער גײַסט,
זײַן רו זײַן ליכטיקע מײַן קאָפּ באַקרײַזט
אין טריבער שאָ פֿון צאַר און קנעכטן־לײדן...

דאָ צווישן גלאַנץ פֿון בערג און שרעק פֿון היילן
מײַן גײַסט באַהערשט זײַן ווילדע הייסע פֿרייד —
איך קום, ווי ער, פֿון ברייטער ווײַט, פֿון ווײַטער ברייט,
א קנעכט — א האַר, און וויל זײַן פֿרייד דאָ טײלן.

אין ארמעניע

איך האָב געפרעגט דעם וועג אף פרעמדער שפראך,
און איילבירט־אויגן האָבן זיך פארוווּנדערט:
זי האָט פון איריקע מיך גאָר ניט אָפגעזונדערט —
כ׳בין ברוין און שטײַף, שווארץ־אויגיק איר צוגלײַך...

און איילבירט־אויגן מיך באגלייטן
פון שטילער טיר פון אָפגעקאלכטן הויז...
אף טונקלען טאָל מיט קנייטשן ברייטע
דורך שמאָלן געסל פירט די שטאָט ארויס.

פון אונטן — אלאגיאָז[1] אין בלויע שנייען!
אָן דעכער הײַזעלעך, ווי אָפגעברענט,
מיט קיזיקעס באקלעפּט די גרויע ווענט,
און שאכטלען קיזיקעס בא פלויטן שטייען!

עס זינגט מײַן הארץ פון הייסער פרייד!
איר זײַט מיר נאָענט, איילבירט־אויגן, בערג און שנייען,
איר, צעלטן קנעכטישע, איר, שטומע ווייען
פון אלטער אָרעמקײַט און דוירעס־לייד.

---

[1] אלאגיאָז — א בארג אין ארמעניע.

*   *   *

אין הימל־רוים
צעגייט און ווערט שוין בלאס
דער לעצטער זוים,
דער גליִענדיקער פּאס...

א בינטל ווינטעלעך
פון איבער בארג
זיך גאנוועט שטיל
אין ברייטן טאָל...
נאָר ביימער איז דאָ קארג
פאר אלע מיטאמאָל —
און ס׳ווערט א לאָדעניש,
און ס׳ווערט א שפּיל
פאר יעדער צווייַג,
פאר יעדער בלאט, —
און איך, איך מיש זיך ניט — איך שווייַג
אין טומלדיקער רו...
איך הער זיך צו.

*   *   *

פון בערג גייט א שטורעם.
דאָרט פּאָכעט מיט פײַער
א מעכטיקער אָרעם
אף קנויליקע הייכן
און טרײַבט אין די היילן
דעם כווישעך פון וועלט!

אויב דו ביסט אין שטילקייט,
איז שטילקייט מיר טײַער...
נאָר ס׳ציט מיך אויך שטורעם,
און פײַער און רויכן,
און ענגקייט פון היילן,
און כווישעך פון וועלט!..

* * *

דעם ניסטער

איך שטײַג שוין דאָ צוויי טעג —
איך העלף שוין קוים דעם וועג
זיך דראַפּען אין דער הייך.

פון אונטער יעדן שטיין
מיר ווינקט מיט קילן כיין
א שטיקל אינדערפרי —

נאָר ס'שטייט די זון שוין הויך,
און יעדער שפּאַן איז מי...

און יעדער שפּאַן ווארפט אָפּ
דעם שווינדיקן „אראָפּ"
אף נאָך א פולן גליד,

און יעדער שפּאַן וועקט אוף
דעם שטײַגיקן „ארוף"
מיט יונגער, גרינגער קני —

און ס'זינגט מײַן יעדער גליד,
און זיס איז מיר מײַן מי...

איך וועל אין שטילן טאָל
דערציילן נאָך אמאָל,
דערציילן אין דער הייך,

אז כ׳האָב צוויי יונגע טעג
געהאָלפן דאָ א וועג
זיך דראפּען אין דער הייך...

פארטאַג

(1917)

* * *

אָ צײַט, אָ צאָל, אָ רוים,
איך שפּאַן ארום מיט יונגע טריט
אף שוועבנדיקן ברעגן־זוים
פון אײַער גרויסער מיט!..
נאָך מיר אף פּײַכטן זאמד
מײַן שאָטן שפּאַנט.
מיט גרינגע פינגער האַלט איך קוים
מײַן וועגטקע אין דער האַנט,
כ׳פאַרוואַרף זי אין די טיפן
פון אײַער גרייס.
און טראָפּנס אייביקײַט מיר טריפן
אין ליכטנדיקער אויגן־שאַרף
פון אַלץ, וואָס כ׳צי ארויס...

* * *

שטרעק איך אויסעט מײַנע אָרעמס,
מײַנע דאָרשטיקע, זיך ציִענדיקע גלידער —
מיזרעך, מײַרעוו, צאָפן, דאָרעם,
הייך און נידער,
שווינדלענדיקע ווינקלען
פון מײַן ברייטן הויז!
לאָזט מיך זען, ווי וועלטן רינגלען
אײַער גרײַס!
שפּרייט איך ברייטער
פליגל־גלידער...
רעכטן, לינקן,
הייך און נידער,
אלעמען מײַן נייג!
צוגעשמידט צום ערדן־רינגל,
שיק איך אויס אין יעדן ווינקל
שפּיזן פון מײַן אויג!

* * *

ס׳האָט מײַן מאמע
נאָך פון אָנהייב פון מײַן וועזן
דאָרט אַף הויכן בלויען סאַמעט
מיר באַוויזן
אָט דאָס טעלערל פון הימל.
כ׳האָב אהינצו זיך געצויגן
פון די צאַרטע אָרעמס־רינגען,
כ׳האָב אהין שוין דאַן פאַרוואָרפן
ערשטע פונקען
פונעם דאָרשט פון מײַנע אויגן...

העלינק טעלערל פון הימל!
כ׳בין הײַנט ווידער קינדעריש אָרעם,
כ׳בין הײַנט ווידער קינדעריש רײַך,
כ׳שטרעק הײַנט אויס מײַן בלאַסן אָרעם
אין דײַן הויכן קיניגרײַך.
כ׳וויל דעם בלוי דאָרט הײַנט צעבויטען...
וועט א באַס־קאָל זיך דאָרט הוידען
אין א שטערן־נעץ א גרינגער,
וועט מיך וואָר׳נען, וועט מיר ווינקען
מיט א שטערנדיקן פינגער —
וועט גענוג מיר זײַן אַף הײַנט...

אין וועג

כ׳וועל שווערן, אָט־אָ דאָ בין איך געווען אמאָל,
און ס׳האָבן אָפּגעשפּיגלט מײַנע אויגן
אי אָט דעם וואלד, אי אָט דעם טאָל,
אי אָט דעם זאמד, וואָס האָט זײַן גרונט פאַרצויגן.
עס סקריפּעט שטיל די ראָד,
און הילכיק לאַכט אין מיר
מײַן מענטשלעכער, מײַן מעכטיקער זיקאָרן.
אָ, ער געדענקט נאָך יעדן קער
אויף יעדן וועג פון אַלע מײַנע יאָרן...
...איך שווער, איך שווער, עס איז געשען!
אין טרוים, אין אנדער אורגעשטאַלט
איך האָב דעם טאָל געזען,
איך בין געווען
אין אָט דעם וואלד...

אַן עפּל

דו, ריינער לאָגל פֿול מיט ווײַן, מיט שנייִיק האַרטן,
ווי דורכזיכטיק, ווי דופּטיק איז דײַן דינינק הײַטל,
ווי מילד פֿאַרזיגלט ביסט מיט שטעמפּעלעך מיט צאַרטע
פֿון בײדע זײַטן!

וואָס זאָל איך טאָן? די ציין, דער גומען וואַרטן.
ווי זאָלן זיך די אויגן שוין צעשיידן
מיט אַזאַ גרוס אַ העלן אַ געגאַרטן
פֿון פֿרילינגס־פֿריידן?

אַ ווײַטער גרוס פֿון ווײַסע בליטן,
פֿון ערדן־רויך מיט זונען־שטראַלן,
נאָר אָט די ציין — זיי וואַרטן, היטן,
אַ ביס — פֿאַרפֿאַלן...

*　*　*

כ'האָב דערזען זי באַם טײַך
אונטער צווײַגן,
אונטער גרינעם, מיט הימל פֿאַרלאַטעטן דאַך.
אין אַ פּאָר צענדלינג טריט,
אױף דעם ערדישן שװײַגן
האָט געשטומט דאָרט אַ שטײן,
אַ פֿאַראַקשנטער גליד
פֿון מײַן אורלאַנדס צעזײטן, צעשטויבטן געביין...

כ'האָב דערזען זי אין נאַקעטער פֿרייד פֿון איר לײַב,
אין צעפֿלאַמענער קרוין פֿון די דופּטיקע האָר,
כ'האָב דערהערט פֿון די טיפֿן פֿון אוריונגע יאָר:
— אָט אָ־די רופֿט מען ווײַב!

* * *

אין ענגן צימער
אף שווארצע שטרענגע בענקלעך צוויי
אין אָנמאכט ליגן אונדזערע צעקנייטשטע קליידער...

ווי אף א ברעג,
אף זאמד,
דאָרט ווארטן זיי,
די הײַפעלעך פארלאָזטע קליידער...

כ'בין ווײַט פון וועגט, פון שטעט אוועקגעשווומען —
ארום איז וועלט־געררוים,
און כוואליעס יאָגן זיך און אָטעמען מיט שוים...
מײַן ליבע, אײַל ניט צומאכן דײַן טונקלען בליק,
אין זײַן צעבויטעטן באפײַכטן שפיגל
איצט קוק איך אלץ אהין,
אין ליכטיקן פארגעסענעם צוריק!..

* * *

א נעפּל איבער גאסן —
לאמטערנס שטיקן זיך און פינקלען,
אַראָפּ די שפּיצן, אָפּגעהאַקט די קאַנטן,
פאַרשמירט די ווינקלען —
געבײַדעס־הויפנס שטייען שטום
אויף פײַכטער ערד...
אַזוי פיל נעכט דאָ גיי איך אום
אַהין, אַהער —
א שטילער וועכטער...
אָ, הער נאָר, הער!
אין נעפּל קלינגט
א יונג געלעכטער —
דאָס גייען צוויי מיט טראָט מיט איינעם
. . . .
געדענקסט אַן אָוונט פּונקט אַזוינעם?..

אָוונט

געליבטע!
די וועלט האָט איצט אין אונדז פארגעסן,
ווי פריִער מיר אין איר...
מע האָט אונדז ניט געפרעגט
און דאָרטן נאכט געמאכט
אף גלוסטיק רווישנדיקער גאס...
די אָוונטיקע טיר
איז שטיל און בלאס,
נאָר טויב און שטום פארשלאָסן...
אף העליש־רויטן שטאָף
פון אונדזער אלטער סאָפע
האָט זיך שוין נאכטן־טינט צעגאָסן.
מיַין ליבע! לייג די האנט מיר אפן קאָפּ
אזוי...
אנטקעגן יעדן ריר פון דיַינע פינגער
אף אש פון הארצן־בראנד
זיך שלענגלט דורך
א שטיל פארבענקטער צאנק...
א דאנק דיר, פרוי,
א דאנק דיר, וויַיב,
פאר יעדן טראָפּן טוי,
פאר יעדן ציטער פון דיַין שטענדיק דאָרשטיק ליַיב!..

* * *

ווי טרויעריק־זיס איז מענטש צו זײַן!
זײַן אַלט נאָר פֿינף כאַדאָשים,
אין ווייכן קעפּל
פֿאַרמאָגן
אַ פּיצעלע באַוווּסטזײַן־נעפּל,
אויף האַלדז —
אַ ביינעלע אַ ביינערנס,
אויף לײַב —
אַ העמדעלע
מיט בענדעלעך מיט פֿײַנע,
אַ מײַלעכל
אַ פּולס מיט שטומער זויגן־טײַנע...
און אַלע מאָל
אין איין געפֿיל זיך טרינקען,
ביז שפּיץ פֿאַריסן נעזל אין אים זינקען
און האָבן איין געדאַנק, אַ לויטערן, אַ ריינעם:
איצט מויל און ברוסט שוין דאַרפֿן זײַן אײנײנעם.
אויף אַלע אייוורימלעך אַלץ נעענטער זיך רוקן,
מיט ליפּן־קלאַמערלעך פֿאַרכאַפּן, דריקן
און זויגן, זויגן
מיט ליפּן, הענט און פּיס און מיט פֿאַרמאַכטע אויגן.

ווי טרויעריק־זים איז מענטש צו זײַן!

אין טיף פון נאכט פון שפעטער
אין קליינעם קערפערל דערפילן א געוויטער,
און אַן א קינדער־שיר, אָן אופהער שרײַען, שרײַען,
און נײַע קראפט און נײַע קויכעם ערגעץ לײַען,
געפילדערן מיט העלדזל, פיסלעך, הענטלעך
און צאפלען, דראפלען זיך אף טאטע־מאמעס ווענטלעך.
ווי פלוצעם אָנגעהויבן, אזוי פארשוויגן ווערן,
מיט נאסע וויִעם עפענען טרוקענע אויגן
און קוקן, קוקן, ווי דאָס שווארצע פענצטער ווערט פארצויגן
מיט הימל סאמעט־בלויען, מיט פיצלעך נעץ פון שטערן...
ווי טרויעריק־זים איז מענטש צו זײַן!

אפן הויך דערהויבענעם פראָנטאָן
פון שיין געבויטן שארבן
פארמאָגן טיפע צייכנס, צײַטן־קארבן,
א שײַטל האָר פארדינטע, שיטערע מיט זילבער־שטריכן,
אַן אויג, וואָס שלינגט דעם רוים אין לויף אין גיכן,
א הארץ, אין יעדער רעגע גרייט פון פרייד און לייד צו שטארבן,
און איינמאָל פלוצלינג, אין טיף פון נאכט פון שפעטער,
דערפילן א פארבאָרגענעם נעשאָמע־ציטער
און אָן א ריר נאָך זײַן שוין וואך,
מיט יעדן אטאָם שפירן,
ווי פליגל פון דער אייביקײַט זיך רירן,
און ווייסן אזוי ביטער ווינציק,
נאָר ווייסן, אז, אשטייגער,
איצט אָדער צוויי און עפשער דרײַ שוין ווײַזט דער זייגער.
און ליגן שטיל אין גלי, אין פײַן אין זיסן,
מיט יעדן פאָדעם פון דעם הארץ געוואלטיק נאָגן,
אז יעדער ברודער מענטש זאָל פון דעם ווי דערווייסן,
אז יעדער ברודער מענטש זאָל אָט די פרייד פארמאָגן:
ווי טרויעריק־זים איז מענטש צו זײַן!..

וויגליד

איך וויג דײַן וויגעלע
און זינג אין אויערל,
ס'האָט דאָרט א ריגעלע
פארמאכט א טויערל.

פאראן דאָרט גלעזעלעך
אין קליינעם מויעכל,
פון יעדן בלעזעלע
דאָרט בלײַבט א הויכל.

פון טויען הערעלעך,
פון טויען שטויבעלעך
דאָרט ווערן פּערעלעך
אף דײַנע שײַבעלעך.

און יעדער פּערעלע
וועט זײַן א שפּיגעלע,
אין יעדן פּערעלע
וועט שטיין א ציגעלע.

א קלאָר ווײַס ציגעלע,
א, א, ליו־ליו־ליו...
וויג, וויג זיך, וויגעלע,
א, א, ליו־ליו־ליו...

נעמען

ווי קליינע וועלפעלעך זיך שפּילן מײַנע קינדער,
ווי קליינע וועלפעלעך נאָךביידע:
דער עלטסטער שאמיי הייסט —
אזוי געהייסן האָט מײַן זיידע,
אין טויבן שטעטעלע א זאָקן האלב א בלינדער, —
און הילעל הייסט דער צווייטער...
אן אנדער נאָמען האָט געוואָרט
אף שטאָפּל נאָענטן פון שאָטנדיקן לייטער,
נאָר איך פון מיט פון וועלט פון ברייטער,
פון זודיקן געווימל
האָב פּלוצעם דאָרט דערזען,
ווי ס'שוועבט דער הויך פון צארטע יאָרן מײַנע
דאָרט איבער אלטן נעסטן־שימל —
און שאמיי איינער הייסט,
און הילעל הייסט דער צווייטער...

ווי קליינע וועלפעלעך זיך שפּילן מײַנע קינדער,
ווי קליינע וועלפעלעך נאָך ביידע
און דראפּען איינס דאָס צווייטע
פון בייזן קוק מיט פײַערלעך מיט ווילדע.

און איך — איך קוק מיט בליקן אײַנגעשטילטע
פון האַרץ פון בלינדן,
ווי אַלטע נעמען קײַקלען זיך,
ווי קליינע וועלפּעלעך, ווי קנוילן יונגע גליקן...

רו

י. דאָברושינען

א שטילער עמעצער האָט אײַנגערוימט מיר הײַנט:
האָסט נעכטן, גלייב זשע מיר, באַצאָלט דײַן אלטן וואָכער —
און רו און קלאָרקײַט זײַנען דײַנע פרײַנט
אף גאנצן טאָג.

פון טיפסטער טיף האָב איך געענטפערט אים — איך גלייב!
און פון מײַן פּאָנעם באלד האָט ער מיט ווייכן פּאָכער
מיט פרישן וויש אראָפּגעשארט דעם שטויב
פון לעצטן טאָג.

ער האָט די צוויקעלעך צעגלעט ארום מײַן אויג,
א קוק געטאָן ביז גרונט פון פינצטערן שווארצאפּל
און מיט א מילדן בענטשנדיקן נייג
פארלאָזט מײַן טיר.

און איבער רוישן־רויך פון טומלדיקער שטאָט
האָב איך דערזען די רו אף יעדן זונען־שטאפּל, —
און איך אליין — א צאנק פון רו־געגנאָד
אין ווינקלען פיר.

* * *

אוועק דער טאָג. פאַרגאַנגען שוין די לעצטע ביַיטש פון נויט,
אראָפּגעוואָרפן שוין דעם שווערן שפּאַן פון זאָרגן.
ס׳איז דאָ א דאך, א טיש, פּאַפּיר און ברויט,
און פריַי, אָ, פריַי בין איך א גאַנצן מאָרגן!

איך באָד זיך שטיל אינמיטן גאַס אין כוואַליעס רו...
פון נאַכט א ווינט געווען און האָט דאָרט אויבן
א שאַרע וואָלקנדלעך צונויפגעקליבן,
זיי זיַינען איצט בארויט, נאָר הערן זיך נאָך צו.

ס׳איז הארבסט. ס׳איז שטענדיק וואך די רוט פון ווינט.
ווי פריַי איז איצט אף פעלדער ברייטע.
ווי ס׳לאָקן וועגן וויַיטע, אומעטום פאַרגרייטע —
ווי גוט איז יונג און פויגל־פריַי צו זיַין אצינד!..

נאָך טרעפּלעך עטלעכע... אָט איז זי שוין, מיַין טיר.
דאָרט וואַרט אן אָוונט שוין אף מיר, א לויטערער אזוינער,
און נאָענט, נאָענט וועט מיר זיַין, ווי קיינער,
אינמיטן ראָד פון שיַין א בייגעלע פּאַפּיר.

א מילדער טאָג

מוישע כאשטשעוואצקין

איך האָב געשלעפּט פון פרי ביז נאכט
זײַן אָנגעשטאָפּטן פּאק מיט טומל,
צערעכנט האָט ער מיך שוין הינטער שטערנדיקן הימל,
כ'מוז מוידע זײַן, ניט אָפּגענארט.
איך האָב פון אים עס ניט געוואָרט.

געשענקט א טיש מיט לאָמפּן־שײַן,
אַף טיש א צענדליק אלטע קרעלן,
א טינטערל מיט אויסיעסלעך, ווי שווארצינקע קארעלן,
איך צילע זיי, שניר אוים, שניר אײַן —
ווי קאָן א טאָג נאָך מילדער זײַן?

אין צימער

א ווייכער ביינהאשמאָשעסדיקער היבל
אין שטילקייט שוועבט איבערן צימער
און נעמט אראָפּ די קאנטן בא דעם מעבל
און לאָזט נאָר איבער פאסיקלעך פון שימער.

ס'איז טונקל־שיין, איך הער ניט אוף צו דענקען,
אז ס'וועט צערינען אָט דער נעפל,
אז ס'וועט אף הימל דאָרט נאָך הענגען
דער פײַערדיקער זונען־עפל...

א שפּענדעלע

דו, קליינינק שפּענדעלע, דו איינס,
דו קום מיט מיר, איך דאַרף אַזוינס,
דו ביסט מיר האַרציק טײַער!
איך דאַרף קיין סאַך, איך דאַרף נאָר איינס —
א קלייניניק שפּענדעלע א ריינס —
צו בלאָזן פֿײַער!..

* * *

איך האָב דיך ליב, מײַן שטיל געהיים געצעלט,
ווו כ׳ווער געפּײַניקט מיט די זיסטע לײדן,
ווו כ׳טראָג מײַן לייד מיט העלע פריידן,
ווו אײן נעשאָמע־ציטער זוכט און ווײלט
דעם צווייטן...

איך גאר נאָך דיר, דו לויטערע מינוט,
ווען כ׳בין קיין טראָרע שוין אין האַרץ אין פולן,
ווען שוין באַפרײַטע, שטראָמענדע געפילן
אין קלאָרע קלאַנגען יעדן זייער טריט
פאַרהילן...

גאַסן

אין גאַס

איך שפּרײַז מיר דורך מײַן יונגן הײַנט פון גאַס אויף גאַס.
פון ווינקלען שאָטנדיקע שמעקט מיר מיט פרימאָרגן,
נאָר ס׳ווימלען שוין אַרום די שנאָרנדיקע זאָרגן
און קײַקלען קנײַלעכלעך פון הייסן האַס...
עס גליט די זון, און ווייך איז איבער קאָפּ דער הימל,
און כ׳שפּרײַז מיר פרײַ און שטיל פון גאַס אויף גאַס...
די זון אײַנייִנעם מיט די שטײַפע דראָטן
אַ וועג באַווײַזט מיר אויף אַספאַלט מיט פעטע שאָטנס...
איך גיי אים נאָך, דעם וועג, איך בין אים טרײַ, ווי אַלע וועגן—
נאָר קומט מיר אָן אַ ברודער־מענטש מיט אײַלעניש אַנטקעגן,
ווי קאָן איך דען קיין שטיקל וועג אים ניט פאַרגינען?
איך שפּאַר זיך שטיל אַראָפּ פון מײַנע שאָטנדיקע רעלסן—
מײַן וועג מײַן זוניקן וועל איך ניט פעלשן,
מײַן וועג מײַן זוניקן וועל איך געפינען...

* * *

באטאָג, ווען עס האלט נאָך די זון איר אלמעכטיקע
שליטע
אף שטויביקע גאסן
און ס'לאָזן זיך קנעטן אספאלטן שוין מידע
דורך ווײַבערשע העלע אָפּצאסן,
דאן ווײַזט זיך אמאָל מיר נאָך אויסעט,
אז ס'איז דאָ פאר מיר עפּעס וויכטיק.
עס דאכט זיך אמאָל מיר, אז עפּעס א ליכטיקס,
פארברוינט נאָר פון זון און פון זאפטיקן רעגן,
וועט פּלוצעם מיר קומען אנטקעגן...
מיט איינעם
א ריר נאָר א ריינעם
אָט וועל איך באפרײַט
פון מײַן לאסטיקן קומער.
מײַן מאנטל,
צעשליסן פון זומער,
מיט שטויב דורכגעשפּונען,
אָט גליטשט ער זיך שלאנגיש אראָפּעט,
און איך ווער אנטרונען...
נאָר הייבט אָן די זון זיך צו בייגן

און עמעץ פארנעמט און פארטרײַבט מײַנע
בלאָנדזשענדע אויגן
אהין, װוּ מיט בלוטיקן, רויטן
זיך גיסן שוין אָנעט די קארבן פון דעבער, —
אין שטאָט, מיט געררויש מיט שוין טויטן,
פון מיר בלײַבט דאן מער ניט קיין זייכער —
מיט קומער מיט אלטן,
פארהילט אין מײַן שטויביקן מאנטל,
דאן וואנדער איך דאָרט איבער טליִענדע רוימען —
זיי זײַנען איצט דאָרט, מײַנע ווײַטע פארשלאָסענע
היימען...

*　*　*

ס'האָט הײַנט פֿון פֿעלד א פֿרישער ווינט
אַף הייסע גאסן זיך פֿארקליבן
און ניט געוווּסט ווּ אײַן, ווּ אויס —
און שטיל געבליבן.

פֿון טונקלען הויז בין איך ארויס,
דעם ווינט אנטקעגן אָנגעקומען —
און ס'האָט דער ווינט מיך שטיל און לינד
ארומגענומען...

איך האָב צעקושט זיך מיטן ווינט
און אָן א וואָרט געוווּיר געוואָרן,
וואָס טוט אַף פֿעלדער זיך אצינד —
דאָרט בליט שוין קאָרן!

עס וועט מיר קלינגען הײַנט ביז נאכט
דער שטילער שאַל פֿון ווײַטן האָרן:
עס בליט שוין קאָרן!..

* * *

דער פּלאָנטער פון שטיינערנע הײַזער, געגאַרטלט מיט גאַסן,
ער האָט דאָך אַן אויסוועג אין אַלע פיר זײַטן!
דורך פאַרשטאָטן ברייטע זיך ציִען דאָך פּאַסן
אין פעלד אינעם ווײַטן...

פון פענצטער פון הויכע, אין שטיינער פּאַרוקטע,
אַ גרינינקן שמייכל גיט אָפּט דאָך אַ צווײַגל,
עס וואַרפט דאָך אַראָפּ ווען אַ ליד אַ צעפּליקטע
אַ פויגל פון שטײַגל...

און פענעמלעך קליינע מיט אויגן באַרוטע
באַטראַכטן די גאַסן דורך לויטערע שויבן,
און מאַמעס באַהיטן זיי, צאַרטע און גוטע,
און שטילע, ווי טויבן.

דער פּלאָנטער פון שטיינערנע הײַזער, געגאַרטלט מיט גאַסן,
ער האָט דאָך אַן אויסוועג אין אַלע פיר זײַטן...
דורך פאַרשטאָטן ברייטע זיך ציִען דאָך פּאַסן
אין פעלד אינעם ווײַטן.

א הויז

דער ערשטער שטאָק
מיט ברייטן גלאַנץ פֿון שפּיגלענע וויטרינעס,
מיט רו פֿון כּפֿייצימלעך, באַנוגנטע און דינע,
מיך רופֿט און נאַרט צו זיך.
איך שטיי, איך קוק, איך זוך,
און אָט... פֿאַרגעסט זיך גאָר דאָס גאַנצע שטיין אָן זינען —
א שווער פֿאַרגאַרטלטער קאַרניז
מײַן אויג פֿאַרפֿירט אַלץ העכער, העכער,
ווי נאָך א מענטשן־בליק דאָרט גאַרן דעכער
פֿון ריזן שכנים...

נאָר איך
דורך נעזער שטויביקע
פֿון מײַנע שיך
מיט גאַנצן וועזן
שפּיר נאָך דעם שטאָק דעם אונטערשטן —
דאָרט פֿון א ווינקל האָט זיך קוים באַוויזן
א הויך פֿאַרשאַרטע ברעט פֿון זײַן פֿאַרגלאָזטן אויג,
עס לעכצט, דאָס אויג, נאָך שײַן א קאַפּל,
און פּיס און קליידער רוישיקע אַלץ האַלטן אין איין שאַרן
אין ברייט צעעפֿנטן שוואַרצאַפּל

דעם שטויב פון טראָטוארן...
דאָס אויג, עס פּינטלט ניט,
און זײַנע רויטע ווײַסלען
מיך נעמען דורך מיט שרעק.
איך שפּיר:
א קאָפּ, אַן אקסל א צונויפגעדרייטער
אָט גיבן זיך א ריר...
און בלאָווע ליפּן שעפּטשען טיף אין מיר אַרײַן
דעם גורל פון מײַן זײַן.
און איך און הויז — און מער דאָ קיינער —
אָט קראַכן ווענט, אָט וואַלגערן זיך שטיינער!..

4—308

אין מאָרג

אף קאַלטע מאַרמאָר־טישן קערפּערס צוויי...
דער גרויער טאָג האָט זיי אהער צונויפגענומען,
און אָט:
אין געפּל איבער גאַסן
איז הײַנט געשוווּמען ווייניקער
מיט שוואַרצע פּינטעלעך א פּאָר...
אף שטיינער אייניקע
פון נאָך א שוך א קויטיקן, א נאַסן
געפּעלט האָט הײַנט א שפּור —
און גאָר...

גרוסן קיין סיביר

י. טעמקינען —
מײַן פּריצײַטיק אומגעקומענעס כאַוער,
פאַרשיקט אין סיביר, דערטרונקען אין
אַנגאַרא.

א

אף שעטעך, וואָס האָט אונדז צעשיידט,
איז אַלץ שוין פאַרווייט —
מײַן שליטן פון בענקשאַפט איז גרייט...

אף ווײַטן, אף שנייִקן שווײַגן
צעשטעקט זײַנען גרינינקע צווײַגן —
פאַר וועגן א יונגער באַוווײַז.

איך צי הײַנט מיט לײַב און מיט לעבן
דורך שנייען, דורך אײַז־יאַמען זיבן
אין לענדער פון גליווער און אײַז...

ב

דאָרט גליוועון פעלדישע הוילן,
דאָרט שפּילן הײַנט ווינטן אין קנוילן,
אין לאכן, אין וויינען —
איך ווארט הײַנט אף קיינעם...

דערציילן מיר פראָסטיקע שויבן:
— צו וועגט זיך שוין טוליען די שנייִקע שטויבן...
און ווינטן אָפּט שיקן מיר איינעם
א בלאָז טאָן, א פײַף טאָן אין קוימען...

איך האָב עס בא זיי ניט געבעטן,
איך בין הײַנט א פרעמדער אין פעלדישע מיטן —
ניט לאכן, ניט וויינען,
ניט ווארטן אף קיינעם...

ג

די קאלטע אנגארא,
דער לענאַס א מיטעלע טאָכטער,
האָט שטום דיך פארוויקלט
אין כוואלישע פאלדן
און לאנג דיך געפירט אין די פליסיקע שטאָלענע לענגען...
מײַן לייד איז פון מיר שוין אנטלאָפן,
זיך ערגעץ באהאלטן
און טיף זיך פארהילט אין די טוכן פון בענקען...
נאָר קומט אָן א ווינט פונעם אײַזיקן צאָפן, —
צוויי אויגן באטריבטע, מיט צאר פארלאָפן,
זיך עפענען ווידער,
און אונטער די פענצטער אין שטומע פארנאכטן

אלץ ווארטן און ווארטן
פארגליווערטע הוילן
און ציִען אהין מיך, ווו אײַערע לײדן,
ווי וואסערן, פליסן
פון שנײיִקע הײכן אין אײַזיקן נידער...

פּאַרטאָג

איך שטיי באַ מײַן פֿענצטער אין טאָוול פֿון ווענט,
צו פֿלאַמען אין מיזרעך מײַן פּאָנעם געווענדט...

אין סריפּעס פֿון אָפּשייד אַף הימלשע רוימען
דאָרט ווערן געבוירן קאַיאָריקע טרוימען...

אַף פֿלאַקער־יעסווידעס דאָרט הויערן בלויען,
איך וועל זיי מײַן בענקען אָן פֿרעגן פֿאַרטרויען.

צו רויזן אַף בלוטן, צו העלישע וווּנדער
איז האַרץ מײַנס אין ווינקל שוין וואַך און שוין מונטער...

איך שטיי באַ מײַן פֿענצטער אין טאָוול פֿון ווענט,
צו פֿלאַמען אין מיזרעך מײַן פּאָנעם געווענדט.

און שוואַלבן אַליץ שרײַבן מיט שווינדיקן פֿלי,
און קייטלען די וועגן אין ליכטיקן מי.

און רעדער און טלאָען מיט שטיינער פֿון בריק
זיך פֿרײַנדן אַף נײַעם, אַף הילכיקן גליק...

איך שטיי באַ מײַן פֿענצטער אין טאָוול פֿון ווענט,
צו פֿלאַמען אין מיזרעך מײַן פּאָנעם געווענדט...

צווישן וואלגער־שטיינער

לייב קוויטקאָ

אױף ערדן אופגעריסענע צווישן וואלגער־שטיינער,
אין בייזע אָנפּליען פון שנײדיקן געוויטער,
וואָס בין איך, וואָס באַטײַט איך איינער,
וואָס טראָגט זײַן לעבנס־ליכט מיט שטילן ציטער?

דער יאם דערוואכט אין זודיקן געראָדער,
עס שטײַגן שטראָמען פון די אופגעריסענע טיפן,
וואָס איז ער איצט, מײַן אויסדערוויילטער רודער,
דער העכסטער זעגלבוים אױף מײַנע שיפן?

כ׳בין גרייט, כ׳בין יעדע רעגע גרייט פארטרויען
די ציטעריקע לעבנס־פלאַמען
דעם האר פון כורבן און פון בויען,
דעם האר פון ערדן און פון יאמען...

פּראָצעסיע

מיר גייען אין דײַנע פּאָרנטיקע רייען,
שפּאַנענדיקע מענטשהײַט.
מיט שטאָלצע, דרייסטע, זודיקע און קאַלטע —
טראָט נאָך טראָט!
אַף שאַנדן־שטאַנגען וואַקלט זיך און וואַקלט
דער אַלטער גאָט.
מיט לופט געלאַטעט, פלאַטערט אַלץ און פלאַטערט
די אַלטע רויטע פאָן —
צוריק קיין טראָט!
און שטעקלעך וועקנדיקע שיטן שרויט אַף שטײַפן פּײַקל,
און טאַצן דזשימזשען — שלײַפן שאַרפס אין שוועבנדיקער לופט,
און הויך פאַרוואָרפט זײַן רוף
דער שײַנענדער טרומייט...
הײַנט בין איך אויך אַ שטיקל קלינגענדיקער קופּער —
איך היפּער
שטילע סאַמעטענע ערטער,
איך וועק די מידע,
כ׳באַדעק דעם זיפץ פון אָפּגעשוואַכטע
מיט הילכיקן געלעכטער —
צוריק קיין טראָט!

*   *   *

ווי שאַרף פון שווערד,
פאַרוואַרפט איר רוף
די שטומע ערד
און קריצט מיט פאָספאָר־שײַן
די וואָלקן־בלײַען...
א הייסער שלאַקסרעגן אף לענדער גייט
און שיט מיט פעך און שוועבל,
און רינשטאָקן פון וועלט
מיט פולע העלדזער שפּײַען
מיט בלוט, מיט גאַל, מיט ווײַן;
און יעדער שטיין און יעדער שײַט
שוין שווערט אין דולן שוים...
און וואָס מיר איצטער
ווונק פון צײַט
און שווונד פון רוים,
און שטערן־שים אין פוסטע קעלטן?..
א פײַערדיקער שלאַקסרעגן אף לענדער גייט,
אף אלע מײַנע וועלטן!

גערעכטיקייט

ווײַן, ווײַן,
אַלטער ווײַן,
ווײַן פֿון פֿלאַמיקן גערעכט!..
אונטער אַלע הימלען,
אונטער אַלע קעלער־שימלען
אויסגעשטאַנען
און דערבערויזט ביזדאַנען,
ביז די ווילדע פֿלאַכן אונטער צאַפּן־נעכט.
איבער אַלע וועגן
פֿון דײַן וואָגלען,
איבער גאָרער וועלט
שטייען דײַנע לאָגלען
ברייט און ווײַט צעשטעלט!
דאָרט בא שײַן פֿון טאָגן
אַף דעם וועג פֿון לאַנד פֿון קנעכט
האָבן ערשטע פֿינצטערע מעראַגלים
קוים געטראָגן
איין־און־איינציק הענגל
אַף אַ שטאַנג!
ווײַן, ווײַן, ווײַן־געטראַנק!

ווײַן פֿון פֿלאַמיקן געַרעכט!
וועלטן שעלטן הײַנט דײַן ברויז,
וועלטן טראָגן הײַנט דײַן שוים
אױף די ווילדע פֿלאַכן אונטער צאָפֿן־נעכט!

* * *

אף שטילער פרילינגדיקער הויל פון ווילדע ווײַטן
אלץ טריפט און טריפט מײַן אלט פארציטערט בלוט,
צום שווארצן הארצן טוליען נעכט
דעם ווײ פון טעג פארשוועכטע...

נאָר פלאקערן צעשפּאלטן ווייכע נעפּל־שויסן
און גליִען אויס אין פײַערדיקן דויער
אלץ נײַע צייכנס
פאר ווײַטערדיקן דראנג פון לאָקערדיקן צאָרן!

בא רויטע טויערן פון לויטערע פרימאָרגנס
זיך שטעלט אף וואך
דער שאל פון יאָגנדיקן האָרן...

און גריוועס זײַנען גרייט צום ערשטן שווונג,
און טלאָען אײַזערנע קוים ווארטן
אף ערשטן בײַט פון שוועבנדיקע ווײַטן,
אף שטויס פון נײַע שלאכטן...

מיט הארצן־ציטער הער איך זיי,
די טויזנט־אָטעמדיקע פרייד־געשרייען,
מיט גליווער־לייד דערשפיר איך זיי,
די שטומע צאפּלדיקע ווייען...

און ווען די נאכט
איז גרייט דעם זינקענדיקן טאָג
אין שטילן שוים פארהילן, —
צו ווײַטן ציט מײַן גליִענדן געמיט...

מיט שטריק פון ווילנס טויזנטער געבונדן,
נאָך רעדער מידע, שיקערע פון שלאכט,
געפאנגען שפּאַן איך צווישן פעלדער ברייטע.

איך בין מיט זיי, מיט שטענדיק גרייטע
צו נײַעם שאַל פון מונטערדיקן האָרן,
צו נײַעם פלאם פון לײַטערדיקן צאָרן...

*   *   *

מיר שטאַמען פון פעלדזן,
פון פעלדזן, צעמאָלטע אױף מילשטײן פון צײַטן...
מיר שטאַמען פון פעלדזן,
וואָס האָבן דעם גורל פאַרבונדן
מיט יאַמען,
מיט ווינטן,
מיט ווײַטן...

מיר שטאַמען פון פעלדזן,
וואָס האָבן צעבראָכן
דעם יאָך פון דעם גליווערנעם שטײען, —
מיר גײען.
און וועלדער נאָר ווײסטע
אונדז קאָנען פאַרהאַלטן...
מיר זײַנען די ערשטע
אין פאַלדן פון ווינטן,
מיט ווײכערס געבונדן,
מיט כוואַליעס געשוועסטערט,
געברודערט מיט שטורעם —
קײן מיזרעך, קײן מײַרעוו, קײן צאָפן, קײן דאָרעם!

פֿונעם בוך

„רויטע בליטן“

(1920)

רויטע בליטן

איך בין
אפֿ אלטן שטאם אפֿ מײַנעם
מיט צווײַגן הענגענדיקע, גראָווע פֿלאקסן
א יונגע צווײַג,
און איין באגער נאָר האָב איך — וואקסן!
איך גרין,
איך שטײַג
אהין,
ווּו ס'העלט —

איך וויל מיט רויטע בליטן טײַנען
מיט גרויסער וועלט!
פֿון אַלטן שטאַם פֿון מײַנעם,
פֿון אַלטן זאַפֿט
נאָך שעפּ איך יונגע קראַפֿט,
נאָך זויג איך אַלטע ווײַנען —
און ווען די נאַכט פֿאַרלאָזט
דעם קאַלטן רוים
באַ ערשטן בלי פֿון זון —
פֿון אַלטן שטאַם,
פֿון אַלטן ראָסט
פֿאַרשיקערט קוקט מײַן יונגע קרוין
אַנטקעגן זון!..

* * *

צום נײַעם קנויט
פון פרײַיען פּאקל דײַנעם,
אָ, גרויסע וועלט,
פון ווײַטער וואָגלעניש
מיט שווערן שלעפּ פון נויט,
אין קרוין פון אלטער פּײַן
אויך איך האָב דיר א פּאָדעם צוגעשטעלט,
א ווײַסן לײַנען־פּאָדעם,
געטונקט אין רויטן ווײַן
פון בלוטיקן גערעכט —
פאר נײַעם קנויט
פון פרײַיען פּאקל דײַנעם,
פאר זײַן פילפארביקן געפלעכט.

און ווען
אין העל פון ברען,
אין שווארץ פון רויך
ניט קאָן איך שוין דערקענען
דעם רויטן פּאָדעם מײַנעם —
מײַן הארץ נאָך ווייסט
פון טרייסט —

5—308

כ'האָב אויך אַ פּאָדעם צוגעשטעלט
צום נײַעם קנויט
פון פרײַען פּאקל דײַנעם,
אָ, גרױיסע וועלט!

העלער וואונדער

דאָרטן, דאָרט פון אונטן
רופן העלע הענט...
זון, מײַן העלער וואונדער,
העלער זיך צעברען!

הערט, ווי ס'קלינגען גלעקער,
ווי דער האָרן שאַלט —
דאָרט אױף מיזרעך־שטרעקעס
ווערט א טאָג געזאַלבט!

בויער, ברען און פלאַקער
צווישן שטיין און רויך!
פיר ארויף דײַן אַקער,
פיר אים אין דער הייך!

שיט און פלייץ פון אויבן
מיט דײַן העליש בלוט,
דו ביסט אונדזער גלויבן,
דו ביסט אונדזער מוט!

ווער דו ביסט און ווען,
קיינער פרעגט ניט מיין —
אונדזער גרויסער עמעס
איז אין אונדז אליין!

שטראָמען

געקומען איז א טאָג מיט פֿײַערדיקן בליק
און אלעמען זיי אָפּגעלאָזט די לייצן.
און אָנגעזעצט מיט זיסן גליק
פֿון וואקסן און פארפלייצן.
און אָן אן אופהאלט, אָן א צוים
ווי גרינג איז לויפֿן, יאָגן, פאלן,
אף גריוועס טראָגן ווײַסן שוים
און ברעכן הייסע שטראלן,
און ענטפער קריגן אף געררויש,
און אין טאבונען זיך באהעפטן,
און טראָגן ברידערלעכן רויש
מיט נײַער פרייד, מיט נײַע קרעפטן!..

*   *   *

אָ, פּרוי!
אָ, לאַקנדיקער וווּנדער
אין עטער פון דער וועלט!
די טמימעסדיקע זיידעס אונדז דערציילן,
אַז דו, די ערשטע, האָסט גענאָסן
פון זיסן בוים פון וויסן!
אָ, פּרוי!
אָ, צערטלעכסטער געמיש
פון בלוט און מילך
דאָ אונטער זון און שטערן!
די ווײַטע זיידעס אונדז דערציילן,
אַז דו, די ערשטע, האָסט געוואָרפן
פון שטרײַט דעם ערשטן עפּל
אַף טיש
פון צײַטן און פון דוירעס!
אָ, מוטער, שוועסטער, פּרוי!
ווער נאָך דאָ ווייסט,
וואָס הייסט
אין גלי, אין בלוט, אין ווי
אַלץ בויען און באַנײַען?
שטיי אויף,

באפרײַ דײַן שטאָלץ געזיכט
פון דער פּיליאָרנדיקער קנעכטשאפט.
באווײַז אין נײַער ליכט
דײַן אלערליבלעכסטע,
דײַן אלערשענסטע הערשאפט!
אָט דאָרט,
ווו ס'קלינגען שווערדן
פאר מענטשן־רעכט,
פאר עכטער מענטשן־ווערדע,
פאר נײַעם זײַן —
דאָס ערשטע אָרט
איז דײַנס!

* * *

אהין, אהין,
צום גרויען ווינקעלע,
וואָס האָט דײַן קערפּער רו געגעבן,
אַף מילדע פעלדער פון וואָלין —
אהין, אהין
איז איצט מײַן בליק געווענדט,
אהין, אהין.
איצט הייב איך מײַנע הענט:
אַף שטרעקעס טויזנטמײַליקע
פון פאָטערלאַנד פון דײַנעם
שוין טרעטן ווידער מאכנעס אײַליקע,
און רויטע פאָנען ווידער טײַנען
מיט גאנצער וועלט!
מײַן צאַרטער ברודער־העלד!
ווי מיטן ערשטן פאָרגעפיל
פון פרײַע פרילינגס־פריידן,
ווי מיט דעם ערשטן קראַמף
פון שטאָלצע הייסע ליידן,
וועט זיך מיט דיר
אין גרויסן קאַמף
דאָס יונגע הארץ
שוין אייביק ניט צעשיידן...

ווען ס׳קריצן ציין

ווען ס׳קריצן ציין צונויפגעפרעסטע,
ווען ס׳בליצן פונקען פון די אויגן,
ווער קאָן מיר אייצען מעסטן,
ווער קאָן מיך פרעגן:
האָסטו אָפּגעוווּיגן?
איך ווייס נאָר איינס.
און אָט דאָס איינס נאָר קאָן איך ציילן:
ס׳איז היים
דאָס האַרץ,
עס טרײַבט
דאָס בלוט,
עס גליט
פון ווײ,
עס בליט
פון מוט.
און ווײ און מוט איצט קאָן איך ניט צעטיילן!

אין הײַזער־קרײַז פאַרטריבן,
מיט דערנער שטאָלענע פאַרצאַמט,
וואָס איז מיר נאָך פאַרבליבן?
עס פלאַמט און פלאַמט

מײַן בלייך געזיכט,
און טרערן שווערע
פֿארביטערן די קלאָרע ליכט
פֿון מײַנע בענקענדיקע אויגן...
אין נידער פֿון פֿארנאכטן,
אין שטײַגן פֿון פֿרימאָרגנס,
אין בלוטן העלישע
מײַן אויסוועג איז פֿארבאָרגן!
ווען הײַזער שטייען
אין פֿלאַם פֿון ווײ־געשרייען,
ווען קנוילן גרויל זיך קוילען איבער גאסן,
ווער קאָן מיר הייסן ווארטן?
ווער קאָן פֿארווערן האסן?..

* * *

דערזע איך אַף ווײַטע מידבּאָריעס
צעגליטע סאַמומען —
דערזע איך אויך באַלד קאַראַוואַנען,
וואָס גייען און קומען —
וווּהין און פֿונוואַנען?
אין טהאָמישן קראַכן,
אין שפּײַ פֿון וווּלקאַנען
דערהער איך די שטילקײַט פֿון מענטשלעכן וויינען,
אין שפּיל פֿון פּריִיאָריקע שטראַלן
אַף אַלטע פֿאַרזאַסטעטע שטיינער
דערהער איך דעם ריינעם געפּילדער
פֿון קינדער,
פֿון קינדער, וואָס קאָנען אין אויגנבליק איינעם
אי לאַכן, אי וויינען...

איך האָב מײַן באַוווּסטזײַן אַף וועלט אופגעהאַנגען —
אַ כּופּע אָן עק און אָן שטאַנגען —
נאָר כ'קאָן זיך קיין רעגע ניט שיידן
פֿון ערדישע בייטן!..
איך הייב מײַנע אויגן
צו שטויבן פֿון שטערן,

נאָר קלאַנגען פון ספערן
ניט קאָנען פאַרטױבן
דעם יובל פון מענטשלעכע פרײדן,
די קלאָגן פון מענטשלעכע לײדן.

* * *

דורך שוימענדיקע רוקנס
פון כוואליעס דײַנע,
ברויזנדיקע מענטשן־וועלט,
דײַן יעדן שטוים דערפילן!
מיט טיף פון האַרץ פאַרבלענדטן,
מיט צוגעמאַכטן בליק,
צו הימל־ווײַט געווענדטן,
דורך אָטעם־הויך
פון אײַלנדיקע מענגען,
דורך וואָלקן־רויך
א צי טאָן זיך אין שטאָלצן גליִענדיקן בענקען
צו קאַלטער האַרמאָניע פון וועלטן־ספערן —
קיין גרעסער גליק
קאָן קיינעם דאָ געהערן!..

* * *

אין מיט פון טאָג
איז יעדע זאך באהערשט מיט שײַן,
אין מיט פון טאָג
איז יעדער שאָטן קלענער,
אין מיט פון טאָג
פארגיין,
אין מיט פון טאָג
א טרוים צו זײַן
איז שענער!..
נאָר איך, נאָר איך,
נאָר מענטש אליין
געבענטשט בין מיט דער גאָב
נאָך פון זעניט
אליין אראָפּ
אין טהאָם פון טרוים.
היי, אלע איר, ווער ס'האָט געקאָנט
מיט הייסן ברייטן שניט
זיך אויסוואָרצלען אליין
א יונגן בוים
פון ערדן־מיט,
פון וואלד פון לעבן,

היי, אלע איר, ווער ס'האָט אליין
מיט שטאַרקער גרינגער האַנט
דאָס יונגע לעבן אופגעהויבן
און הויך געוואָרפן עס
אַף טונקלער וואַנט
פון מענטשן־נישטיקייט און אָבערגלויבן,
געוואָרפן עס און ניט גערעדנקט
און ניט צוריק גענומען.
און די, וואָס דאָ געבליבן,
איינס געשענקט —
באַוווּנדערן און רומען!

היי, אלע איר, ווער ס'האָט
אין פולן רייף פון יאָרן
מיט ברענענדיקן דרעשער
אליין זיך אויסגעדראָשן!
אויב איר זייט טרוים,
וואָס איז דאָ וואָר?
און איר, און איר,
וואָס זיינען דאָ,
ווי דו, ווי דו, ווי דו, ווי דו,
אין שאָ
אין ליכטיקסטער געוואָרן אויסגעלאָשן —
צו אייך איז איצט מיין האַרץ געניגט!
ס'איז העל די טיר
פון אייער רו,
פאַר אייער שוועל
מיין גייסט זיך בייגט
און קניט,
צו אייך, צו אייך,
איצט גלי איך, גלי אין טפילע־ליד.

פרעגסט מיך, שטילער ברודער

פרעגסט מיך, שטילער ברודער,
ווער וועט צאָלן
פאַר די טאָלן ביינער,
פאַר די טײַכן בלוט?
הער זשע, ברודער!
אייביק, אייביק
שטרײַטן וואָרצלען
אונטער דר'ערד,
אייביק, אייביק
פאָכען מענטשן
מיט דער שווערד...
אייביק, אייביק!
נאָר ס'האָט קיינמאָל
אזוי גלייביק
ניט געהויבן זיך קיין האנט!
ס'האָט נאָך קיינמאָל
אזוי זיכער
ניט געטראָגן זיך קיין וויכער
איבער מענטשן־ראנד...

6*

שטאָט

1

שטאָט!
דו האָסט מיך פֿון ווײַטן גערופֿן
מיט הודיען פֿון דראָט!
כ'האָב שטענדיק אַף באַרג דיך געזען!
דו האָסט מיך פֿון ווײַטן געצויגן
מיט צוואַנגען
פֿון שײַן און פֿון שימער —
דו האָסט מיך פֿאַרנאַרט
און דו האָסט מיך געפֿאַנגען!
די רו פֿון מײַן דאָרפֿישן צימער
האָסטו מיר צעענגבערט
מיט פֿײַפֿן פֿון צוגן,
צעשפּאַלטן, צעשפּליטערט
מיט ציטער פֿון רעלסן...
אין הייכן איז שטענדיק געהאַנגען,
איז שטענדיק געגאַנגען
דער אומרו פֿון דײַנע פֿאַרצויבערטע קלאַנגען —

שטאָט!
דו האָסט מיך געפאנגען!
פאר מײַנע פארבלענדעטע אויגן
אויף פעלדער־ און וועלדער־באראָט
איצט ליגט דײַן אלמעכטיקער שטיינערנער קערפער
מיט רערן פארוואָרצלט אין טיף פון דער ערד,
צעשלײַדערט די אָרעמס,
געהויפנט, געגאָרנט,
צעקעסטלט, צעצימערט,
אין גרונטן פארשווארצט און אין הייכן באשימערט.
מיט קוימענס פארשפיצט און מיט שארפן פארטורעמט,
פארקניפט און פארגארטלט מיט רעלסישע שלאנגען,
באפלאָכטן, באהאנגען
מיט שפינוועבס פון דראָט, —
שטאָט!
דו האָסט מיך געפאנגען.

2

שטאָט!
אויף שיף פון מײַן עלנט
בין איך אין דײַן האפן געקומען!
די שיף פון מײַן עלנט!..
איך האָב אירע זעגלען געשווענקען
אין ווינטן אין אלע
פון ערדישע ברייטן און לענגען,
עס האָבן די זעגלען
צעפיצלט, צעריסן
פיל אָנפליִען ווילדע
פון וויסטע סאמומען.
שטאָט!
אויף שיף פון מײַן עלנט בין איך אין דײַן האפן געקומען!

אין האפן אין דייַנעם
באַ אייַזערנע רינגען
האָב איך זי פאַרבונדן,
די שיף פון מייַן עלנט!
אף ברעג,
אין אָנצאָליקע שענקען
האָב איך דאָ געטרונקען,
ביז שיקער געטרונקען
פון ווייַנען פון וועלטן.
אף דייַנע פאַרצאַמטע געפלאַסטערטע וועגן
האָב איך זיך געלערנט מייַן וועג ניט באַשרענקען,
אומענדלעך צו גיין
ארום און ארום זיך אלץ יאָגן און דרייען
און פילן — עס יאָגט זיך א פינפטער, א צענטער,
און יעדער ארומלויפט, און יעדער אין צענטער.

שטאָט!
אף דייַנע פאַרצאַמטע געפלאַסטערטע וועגן
האָב איך זיך געלערנט דערוועגן
און וועלן
און אונטער די וועלטישע קוואַלן
מיט אלע, מיט אלע
די קרוגן צו שטעלן...
מייַן אָטעם מייַן שטילן
צונויפגעהויכט האָב איך מיט אָטעמס פון מענגען,
דעם גלי פון מייַן ווילן
צונויפגעפלאַמט האָב איך מיט פלאַקערס פון ערדן,
מייַן שאַרף גלאַנצט זיך איבער
אין בלאַנקען פון שווערדן,
אין קלאַנגען פון לענדערשע גלעקער
זיך קלינגען שוין איבער
די שטיקער

פון קופּער פון מײַנעם,
פון קופּער פון רויטן, פון אַלטן.

שטאָט!
די שיף פון מײַן עלנט
האָסטו אין דײַן האַפן באַהאַלטן...

פונעם בוך

„גינען־געוועב"

(1921)

* * *

אין ווינט,
וואָס שווינדט אנטקעגן מיר
אין נעפּלדיקער גיך...
דאָ צווישן האָלץ, און שטיין, און רויך
און לעבעדיקן דראַנג
טוט אָפּט מיר עפּעס באַנק...
און פאַר דער שווינדלדיקער טיר
מיר ווילט זיך אין דער העלער הייך
דערזען אויך זיך...

*   *   *

נו, ווידער
זיך וויקל און וויקל,
דו, קנויל פון מײַן פרייד!
איז פרייד דיר געגעבן,
אלציינס איז,
ווו פום דײַנע שטייט,
ווו האָט דאָ דײַן לעבן
די אויגן געעפנט.

אין דאָרעם
דאָרט טראָגן זיך וואָלקנס,
דאָרט טראָגן זיך כורווישע שטויבן,
דאָרט טראָגן זיך רויכיקע באַלקנס.
די באַלקנס פון שטיבל פון דײַנעם,
קלײנינקערהייט,
דורך זײַנע, דורך שטילינקע שויבן
געקוקט האָסטו גלייביק
אף מיסטיקן ליכט...

נו, ווידער
זיך וויקל און וויקל,
דו, קנויל פון מײַן פרייד!

אין הויפּטשטעט אין נײַע,
אױף רוישיקע פּלעצער,
אין באָוולס, אין רוימען
דײַן הארץ ווערט צעפּלאָסן,
עס קלינגט אין פרימאָרגנס
מיט פײַלן פון ליכטיקע בויגנס;
און קומען אָן אָוונטס,
דײַן הארץ ווערט געבויגן
מיט אָרעמס מיט צארטע, —
מיט בעכערס פון בוימל,
ווו קנויטן פון פריידן
זיך נערן און זויגן
פון בענקשאפט, פון ווייטעק,
מיט בעכערס פון בוימל אזוינעם
הייבט זיך דײַן הארץ דאן
צו ליכטיקע רוימען
פון הימלשער שפּרייטונג!

װיִאָלאָנטשעל

מה תשתוחחי נפשי
(תהלים, מג, ה)[1]

װאָס בייגסטו זיך, מײַן זעל?
װאָס ברומסטו ברוסטיק טיף?
און ס׳ציטערן די װענט,
די זײַלן פון מײַן זײַן.
און העכער, העכער שטײַגט
די שטים פון ערע דײַנער,
און נידער װערט באַגראָװעט
מיט שטויב פון דײַנע פּיס.

װאָס בייגסטו זיך, מײַן זעל?
װאָס ברומסטו ברוסטיק טיף?
װאָס באָדסטו זיך אין שטויב,
װאָס װאַשסטו זיך אין אַש,
װי פויגלען אין א היץ,
װאָס האָבן פורכט פאַר װאַסער
און קילן זיך מיט ערד
און פרישן זיך מיט מיסט?..

1 **װאָס בייגסטו זיך, מײַן זעל?**

וואָס בייגסטו זיך, מײַן זעל?
וואָס ברומסטו ברוסטיק טיף,
ווי זאָד פון פרישן בלוט
אַף שטומען הארטן שטיין,
ווי זאָד, וואָס ווערט ניט שטיל
פון אומשולד זויבער־ריינעם,
ביז גלייביק הייסעם בלוט
מיט ציטער אים באגיסט.

נו, בייג זשע זיך, מײַן זעל,
נו, ברום זשע ברוסטיק טיף,
און ווער פון אשן קלאָר,
פון בלוטן ווער שוין ריין,
און ווער פון ציטער מילד,
ווער לויטער שוין פון וויינען,
און זאָל צו ליכט דיר זײַן
דײַן גרויסער בראָך, דײַן ריס!

* * *

ווידער רויש פון רעדער גיט צו וויסן,
אז איך בין אין ענדערונג, אין וועג.
וואָס זשע הייסט דאָס לײַדן, וואָס זשע הייסט געניסן? —
כ'פרעג!..

אויב איין שמאָלער ריר דאָ האָט פּארטיִליקט
אָט דעם קאנט פון אומרו און פון רו, —
ווּ זשע איז דאָ צווישן זיי דער כילעק,
ווּ?..

רעלס, און ראָד, און שטויב, און רויך און ווילדער —
אַלץ דאָ בלײַבט אף נײַעם טרײַב.
רו זשע אָפּ א ווײַלע, אויך דײַן בילד דאָ
בלײַבט...

פונעם בוך

„זונען־שלייפן“

(1921)

פאַליפאַניע

W. Engel

פאַר ליכטיקייט
האָב איך נאָך פרייליכע
ליקעלעך־זיפּן —
ס'איז ברייט
דער אַרײַנגאַנג,
אַרויסגאַנג איז שמאָל...
אין אויגיקע נעצן
פאַרהאַלטן זיך זוניקע גאָלדן
און לופטיקער,
קלאָרער קרישטאָל.

פארהאלטן —
געבליבן
אף שפּיצן, אף פּעדעם
און זעצן זיך אַפּ דאָרט
אין ווינקעלעך וויַיטע,
אין הארציקער טיף...
דערווארעמט זיך דאָרטן
מיַין זוניקער פאנג.
און ליכט ווערט געדיכטער,
און שיַין ווערט דאָרט פליסיק
און הייבט אָן צו קוועלן.
און ליכט גייט אריבער,
אריבער די מוילישע שוועלן,
און ס'טריפן די ליפּן
מיט גאָלדענע זילבן,
מיט זילבערנע ווערטער,
מיט זאצן פון שטאָל...
און ס'ווערן פון ליכטיקיַיט
ווידער
געשליפן
לידער
פון לויטער
קרישטאָל.

* * *

צו סאָסנע־גאָלד, צו שוואַרץ פון דעמב
און צו בערעזע־קרייד
איז צוגעקומען טונקל גרינס פון טאַנען —
און דו, מײַן קינד, צו וואָסער נאָענט דאָ, צו וואָסער ווײַט
ביסטו מיר צוגעשטאַנען?

דו האָסט זי אויסגעפּעלט, מײַן ווייטעקדיקע מיט, —
ביסט צוגעגאַנגען גלײַך צו אַכט־ און צוועלף־יאָריקס
און פירסט מיך פאַר אַ האַנט פון ווײַטן העלן שניט,
וווּ ס׳בלאָנדזשעט אַלץ אין בלוילעך־קלאָרינקס,

און כ׳גיי אַפּסנײַ, אַ רײַך באַוואָפנט קינד,
און גלײַך פון דאָרט מיט ווײַן פון קינדער־קעלטער
אויף נײַעם שניט פון ווײ און ווינד,
אויף נײַער בייט פון שטרײַטן־פעלדער.

וואָלקנס

גאָט, מײַן גאָט! איך האָב אַזוינע
אַף מײַן לעבן ניט געכאָלעמט!
אין דער מיט — גרויסשטאָטיש ברוינע.
און דער ראַנד — נו, גיי און מאָל אים!

גיי דערצייל מיט אַלטע זילבן,
ווי עס דינען אין געמישן
זון מיט רויך און גאָלד מיט זילבער,
פּענדזלען נאַכט מיט פרי מיט פרישן.

מיט געזאַנג פון האַרץ פון הייסן,
וואָס דערשמידט די נײַע רינגען.
מיט געזאַנג, וואָס אים נאָר ווייסן
דײַנע שמאָלע לאַנגע פינגער.

* * *

פון אלע וועלדער, וואָס איך האָב געזען,
איז טונקלער טאַנען־וואַלד געדיכטער...
ווי אומגליקלעך וואָלט איך געווען,
איך זאָל אַצינד ניט זײַן קיין דיכטער.

איך זע, די לעצטע זײַלן שײַן
זיך האָבן טיף אין גרינס באַהאַלטן,
און הער דעם ערשטן אָנזאָג: ליכט זאָל זײַן!
דעם ערשטן שאַל פון הימל־שפּאַלטן.

און כ'ווייס ניט, ווו איז דאָס געמאָלדן,
אַז ס'קאָן אַ האַרץ אַ שווערס ניט ווערן גרינג,
ווי קאָנען קענן זײַלן שײַן ניט טאָן אַ קלונג
די קושן דײַנע — דײַנע גאָלדן...

* * *

האָסט די ווילדע פּאַטלע־צעפּלעך
וווּנדערלעך אַרוף פּאַרקלויבן
און אַנטפּלעקט צוויי אויער־קעפּלעך —
יונגע טויבן!

אַף מײַן האַרץ איז אָנגעשוווּמען
פרישע שײַן פון אַלטער צניִעס.
ס'האָט דײַן ווילדער בליק באַקומען
פרומע וויִעס...

און דײַן קאָפּ איצט האַלט געאָרעמט
ווילדן דאָרשט מיט שטילן גלויבן,
גלײַך אַן אָדלער וואָלט געוואָרעמט
יונגע טויבן!

* * *

רעדסטו, קלינגסטו ברוסטיק שוועדלעך, —
הער איך אָט'מען פעלדער היגע.
כ'האָב אײַךביידע מילד און ערלעך
ליב געקריגן!

יעדע שאָ דאָ ווער איך ווילדער,
פּאָרכטיק שטאָלץ, ווי צאָפּן־טאנען;
און מיט זיי כ'וואָלט לאנגע ווינטערס
אָפּגעשטאנען!

לאָז זי דאָרטן צערטלען, גליִען,
הויבע זון אַף בערג, אַף טאָלן,
טריט אַף שניי דאָ וועלן בליִען
דײַנע שמאָלע!

און אין דײַנע אויגן־ברונעמס
יעד' אַן אנדערער אינגאנצן —
טויזנט ליכטער, טויזנט זונען
וועלן טאנצן!..

* * *

גיט דײַן בליק א ווילדן בלאנק,
שלײַכט דײַן שמייכל אין א ווינקל,
כאפּט ארײַן זיך הייסער באנק,
פאר מײַן הארץ דאָרט טוט א פינקל.

ווענדט זיך דאן מײַן בלייך געזיכט
צו דער שײַן פון דײַנע פינגער,
אײדעם שלאנקע, טרײַע ליכט,
מאכט מײַן הארץ א ביסל גרינגער!

גיט דײַן אָרעם זיך א הייב,
נו, לאָז זײַן אנטקעגן קיינעם,
נאָר מײַן הארץ עס איז בארויבט,
גרייט איז שרײַען, גרייט איז וויינען...

גרייט דורך וואלד פון דײַנע האָר
זיך צו רײַסן צו דײַן אויער,
דאָרט, ווו ס'שימערט ריין און קלאָר
צארטער שוים פון מײַן פארטרויען.

ערשטער שניי

איז דען ניט מיט ערשטן שניי
גאָר די וועלט באהאנגען?
איז דען מער, ווי מענטשן צוויי,
דאָ אמאָל געגאנגען?..

איז דען דאָ אף גאָרער וועלט
עפּעס נאָך כוין קלאָרהייט?
וואָס איז דאָ אין קלאָרער קעלט
אויסער ווייסער וואָרהייט?

אויב עס האָט דאָ ווער געלעבט,
איז אָט דאָ געגאנגען,
האָט ער דען וואָס מער געוועבט
כוין די שטילע קלאנגען?

האָב איך דאָרטן ערגעץ־ווו
ווי און ווינד געשניטן —
וואָס זשע זע איך אויסער רו?
אויסער ווייסע בליטן?

* * *

איך ווייס ניט, ווער האָט אונדז געטריבן
און ווער האָט געוואָלט אונדז דאָ פֿאנגען.
א זיַידענע שטריק איז געבליבן
אף האלדז בא אונדז ביידע צעהאנגען.

און ליג איך אין רו־וויג אין קלאָרער
און לויף איך אין ווילדע געוועטן,
איך הער אים, דעם ריי׳ך פון דיַין אָרעם,
פון זיַידענעם פאָדעם פון יעדן.

און דו, אָ, מיַין ווילדע, כ׳בין זיכער,
דו וועסט זיך פון שלייף ניט באפריַיען,
אין וויַיטערער רו און אין וויכער
וועסט טראָגן די שטריק, ווי אדהיַיעם.

פונעם בוך

„וואלגער־שטיינער"

(1922)

* * *

ניט גראָז פון וויסטעניש, אָ, ניין,
נאָר שטראַלן פון באגינען
צעשפּראָצן זיך פון יעדן שטיין
אף דײַנע ליכטיקע רויִנען.

אָ, מאָסקווע־שטאָט!
דער שענסטער טרוים
פון אלטע בלינד־פארליבטע זין פון דײַנע
איצט ווערט באוואָרט!

אָ, מאָסקווע־שטאָט, אָ, דריטער רוים!
די יינגסטע שפּיל פון מינדסטן יינגל דײַנעם
מיט גרײַזן גרוי פון אַלטע לוכעס מײַנע
איצט ווערט באַיאָרט!

דער ערד,
וואָס האָט מײַן טראָט מיט דרייסט באַשווערט,
דער ערד, וואָס דו, אָ, האַרץ, פאַר איר זיך קלאַפּסט,
דער ברייטער ערד,
פון יאַם צו יאַם:
פון ווײַטן שטורעם־ראַנד,
וווּ ס'ליגט אין אַלטער קלאָרהײַט
די הויב די זילבערנע פון באַרג אַראַראַט,
ביז ווײַסן גליווער־יאַם,
וווּ ס'שוועבן אײַז־פעלדער אין קאַלטן שלאָף,
אין גלאַנץ פון צאָפן־שײַן —
דער ערד
מײַן נײַע פרייד,
מײַן נײַע פּײַן!

איר ווייכע בלאַט
האָט אײַנגעזאַפּט
מײַן זאַט
פון בלוט,
און האָט אין טעג
פון גרויסן שניט
מיט מוט
אים אומגעקערט,
און האָט מײַן טראָט באַשווערט
אַף נײַעם זײַן —
דער ערד
מײַן פרייד,
מײַן פּײַן!

אָקטאָבער

אָקטאָבער!
אַן אָנהייב, אַן „אָ",
אַ ברען פון אומענדלעכן רונד.
אַ זוים פון אַ זונראָד...
און אויסןעם אַלע
פון האַנט פון דער גרויסער
און גראָבער:
„אָקטאָבער".

עס וועלן
כאַדאָשים זיך צוועלפן,
זיך קייטלען אין יאָרן, —
דיין נאָמען וועט העלן,
דיין נאָמען וועט קלאָרן!

ווּ איז ער, דער גאָרנישט,
וואָס ווייסט ניט דיין נאָמען?
ווּ איז ער, דער בלינדער,
וואָס וואַגט נאָך אַצינדער
מיט לייקעניש וואָר'נען?

און פײַנט?
און פײַנט אַזױנע
מיט אַלטע קרױנען
אױף קײַלעכיקע קעפּ, געקעכלטע פֿון דױרעס,
מיט הוסטן גאָלדענע
פֿון מילדע ברוסטן,
מיט הערשערישע װונקען,
מיט אײד׳לע הענט אין װײכע הענטשן,
װאָס האַלטן צאַרט
(מיט אױפגעשטעלטן קלײנעם פֿינגער)
די דראָטן,
װאָס שיקן פֿונקען
אױף אױפרײַסן פֿון װעלטן!..

אַזױ פֿיל פֿײַנט.

געבענטשט איז דער, װאָס קאָן עס זיך פֿאַרגיגען
אַזױ פֿיל פֿײַנט
און פֿײַנט אַזױנע
ערלעך־שױדערלעך פֿאַרדינען.

עס װעלן כּאַדאָשים זיך צװעלפֿן,
זיך קײטלען אין יאָרן —
און אַלע זײ װעלן זיך קער׳װען פֿאַרװוּנדערט
אױף דיר,
אױף אָקטאָבער
פֿון זיבעצנטן יאָר
פֿון צװאַנציקסטן פֿײַער־געשמידטן יאָרהונדערט!

ווּ זײַט איר, כאַדאָשימלעך דריבנע,
מיט פאַלשגאָלד באַצירטע,
וואָס האָבן מיט כוצפּע אָט דאָ געשפּאַצירט
איבער לאַנד איבער גרויסן און גרויען?
איַילט גיכער פאַרשווינדן!
וואָס קוקט איר פון שפּעלטלעך אַרויסעט,
וואָס באָמקעט איר אונטער
פון קלויסטערשע גלעקלעך?
וואָס רירט זיך דאָרט ווערמיש אין שטויבן,
אין שטויבן אַף פאַלשינקע צעטלעך,
וואָס קנעכטישע רימער אַף שטערנס געניײגטע
דאָ האָבן צעטראָגן!

אָקטאָבער!
אַנצאָליקע סטויפּעס
צעשטעלטע
אין לאַנד אין דעם גרויסן און גרויען
אַף שיידונגען יונגע
פון זײַנע אומענדלעכע וועגן —
זיי לויפן,
זיי בייגן די קעפּ אָן,
זיי קניִען,
זיי בעטן:
א זכיִע צו האָבן
א שפּענדל צו ווערן
פון וועלטישן מאַסט־שטאַנג,
וואָס וועט אַף דער שיידונג פון טקופעס
דערהייבן דײַן אופשריפט
און וועט זיי, די טקופעס,
דורך וואָלקנס באַווײַזן:
אָקטאָבער!

אן אָנהייב, אן „אָ",
א ברען פֿון אומענדלעכן רונד,
א זוים פֿון א זונראָד...
און אויסזיעס אלע
פֿון האנט פֿון דער גרויסער
און גראָבער:
אָקטאָבער!

שנייען

גערדיכטער! געדיכטער פֿאַלט, שנייען!
אײַלט גיכער פֿאַרדעקן
די פֿלעקן
פֿון בלוטיקע ווייען
מיט דעקן פֿון טויט...

אײַלט, שנייען, אַלצדינג צו פֿאַרגלײַכן,
אײַלט אַלץ צו פֿאַרבײַטן:
די בלײַערנע ווײַטן,
די וויסטיקע שליאַכן,
פֿאַרכווישעכט פֿון קויט...

און איידער דער מענטש וועט דערוועגן
זיך דורכשנײַדן וועגן
אין לויטערן שוים —
פֿאַרבלענדט אים מיט לויטערער ריינקײַט,
פֿאַרבלענדט אים מיט אייביקער שיינקײַט
און לײַטערט אים אויס...

געדיכטער!
געדיכטער פֿאַלט, שנייען!

פארדעקט אים, דעם ערדישן קויט...
אױף קאַלטע אױף שנייִקע דעקן
צו היים זײַנען מענטשלעכע ווייען,
צו רויט זײַנען בלוטיקע פלעקן,
צו רויט!

* * *

די ווענט נאָך באַפּלאַכטן מיט קלעטער־געשטעלן,
מיט מיסטן מיט אַלטע
פאַרוואַלגערט די שוועלן,
און ס'הילכט נאָך די פּוסטקייט
פון אונטן ביז אויבן —
נאָר כ'זע אײַך שוין, וועלטן באַנײַטע,
מיט אויגן פון ליכטיקן גלויבן!..

איך זע אײַך שוין, וועלטן באַנײַטע!

אף ווײַטן
נאָך קנוילן זיך רויכיקע שטויבן,
דאָרט רײַסן זיך שטיינער,
דאָרט ברענט זיך נאָך קאַלעך!..

מיט אויגן פון ליבע פון ריינער
איך זע אײַך שוין, וועלטן באַנײַטע,
דורך רויכיקן מעהאַלעך!

* * *

אף ערשט פארהארטעוועטער ערד
אין פרי אין פראָסטיקן
צום ברונעם שפאנען...
און פלוצעם ד׳רין דערשפירן:
ס׳איז גאָר נאָך ניט פארווערט!
פאראן נאָך מוט, פאראנען
אין וועלט אין אײַזיק־ראָסטיקער,
און לאָזן לויפן זיך אין טאָג אין פרײַען,
און שפירן:
א טאָג א שטאָלענער, א שפּאָגל־נײַער,
א הארץ א יונגס,
און אײַזערנער און אלטער עמער —
זיך שפילן אלע דרײַען
מיט יונגע קלינגענדיקע טענער!..

מיט שטײַפער האנט
דאָס ערשטע אײַז צעקלאפּן,
ארויסרײַסן א שטיקל טיף
און זען און הערן,
ווי טראָפּנס קלאָגן זיך און ווערן
און יאָגן זיך,

ווי שווארצער טריף,
אהין, צוריק...
אין דעם איז אויך פאראן א שטיקל גליק!..

און מיט א צענדליק יאָרן שפּעטער,
אין טעג פון פּיַין, פון צאר און צאָרן,
אין סאָף פון נאכט פון שווערער ווערן פּלוצעם וואך
און אויסציִען די אָפּגעקילטע גלידער,
דעם שטומען צימער ניט דערקאָנען,
און הערן, הערן לאנג,
ווי ערגעץ דאָ ניט נאָענט און ניט וויַיט
פארהערן זיך קאנאָנען, —
דורך טריבער שויב דערזען,
ווי ס'שפּראָצט א טאָג א נײַער דאָרן...
און אין דער רעגע זיך דערמאָנען
אין יענעם פּראָסטיקן און קלינגענדיקן מאָרגן...
אין אָט דעם פּײַן איז אויך נאָך גליק פארבאָרגן,
און יעדער אופגעוואכטער גליד נאָך זאָגט:
— איך וויל ניט שטארבן!
און מיט צעשפּרייטע פליגל קניט דער גײַסט
פאר שוועבנדיקער קייט פון צײַט!
אָ, לאָזט מיך, רינגען, זיך פארקארבן!..
איך ווייס נאָך ניט, וווּהין איר ציט,
איך ווייס נאָך ניט פונוואנען!
נאָר ס'איז אזויפיל זיסע לייד פאראנען
אין אײַער גרויסן ציִען —
איך וויל מײַן וויי נאָך ניט באשרענקען! —
איך וועל נאָך דענקען,
איך וועל אין ראש פון קראכן שטיל זיך מיִען,
איך וויל אין פּײַן
נאָך גליִען,
גליִען...

* * *

א שפּאַן טאָן מיט נײַעם, מיט ברייטן,
מיט אייגענעם נאָך ניט געגאַנגענעם גאַנג!
ווער זאָגט עס: ס'איז פרי נאָך, איך דאַרף זיך נאָך גרייטן —
פון יאַרדן ביז וואָלגע איז פאָלג מיך א גאַנג...

געמאָסטן מיט טריט מיט באַשווערטע
די ערדישע דאָרניקע פלאַכן,
מיט זײַלן פון פײַער, מיט וועקסענע ליכטלעך —
און גרייטע צו זוכן און גרייטע צו וואַכן...

איך זע זיי, די בלוטן, ביז באָוול,
איך זע זיי, די דאָרשטיקע בויערס די צווייטע,
מיט טרייסטלאָזע קריצן אף האַרציקן טאָוול,
מיט שניט פון אומזיסטיקן ווייטעק.

און ווײַטער,
און ווײַטער!..
נאָר ווער וועט דערציילן?
און ווער וועט עס הערן,
ווען ס'פלאַקערט דער שײַטער?
און ווײַטער?

פאר פײַער — ערד!
א שטויב — פאר שווערד,
און ערשטע אָפּערשאָף אױף יעדן שײַטער!

מיט שטויביקײַט
באזיגט די גרעסטע ווינטן פון דער וועלט,
מיט פונקען — רעגעס־פלאם,
ווי זײַלן, דורכגעשטראַלט אין אייביקײַט.

דאָרשט

אָקאָרשט
בין איך ארויס צו אײַך,
פארצאמטע אויצרעס דאָרשט.

אָקאָרשט
בין איך ארויס צו דיר,
אָ, גרויסער הונגער!

איך אָטעם אָפּ.

ווי שאָלעכץ פאלט פון מיר אראָפּ
דער שליאם,
וואָס האָט אין אלע טיפע גריבער
געגאָסן זיך
אריבער מײַן אנטבלויזטן קאָפּ.
ווער קאָן אין גלי פון דאָרשט
פון מיר דאָ הייסן יִנגער?

פון גרויער אלטקײַט אויסגעטאָן
מיט ברוינעם נאקעט מײַנעם
צווישן ווילדסטע,

צווישן יינגסטע
מייַן אלטע האנט
איז הייַנט די גרינגסטע,
די מילדסטע.

פונעם בוך

„טרויער"

(1922)

אלע פאר דער צײַט פארשניטענע

* * *

טיון — מזלו תאומים,
מזל שבט — דלי.[1]

קוק נאָר אָן,
ווי זי יאָגט,
די ראָד פון מאזאָלעס;
זיי בלאנקען, ווי מעסערס, די שפּיזלעך...

[1] דער אסטראָנאָמישער צייכן אין דעם שטערנקרײַז פאַרן כוידעש סיוון איז „צווילינג"; דער אסטראָנאָמישער צייכן פאר שוואט איז „עמער". „צווילינג" און „עמער" („אמפאָרע", „וואסערמאן", אין רוסיש „וואָדאָליי") זײַנען פון די צוועלף זאָדיאַק־געשטערנס. „עמער" איז בא א סאך אוראלטע פעלקער פארבונדן מיט לע־גענדעס וועגן מאבלס.

ערשט דעם צווילינג געזען אין כאָלעם —
איצט פון עמער שוין וואסערן פליסן...

ערשט געלערנט זיך זוכן און שעפּן די פרייד
אין די פאָנען פון פלעצער —
איצט זע איך געשאָכטענע שעפּסן,
איצט הער איך נאָר אנגסטלעכע קרעכצן...

זון־פארגאנג

נאָך א שווים פון זונען־האפן ווייַטן...
ווידער כ'בין צו וויסטעניש געווענדט,
פעסט, ווי וועלט, איז דאָ די בייַט פון צייַטן...
נאָר פארוואָס פארברעכן זיך די הענט?

קאלטע ערד מיט אלע אירע ראָסטן
שווימט, ווי רויך, פון אונטער מייַנע פיס...
גלייַך א לאסט מיר האָט מייַן טראָט צעמאָסטן,
גלייַך עס קלינגט מיר: זע נאָר, ניט צעגיס!

אלץ דאָ טויג פאר פרייַען פלאם פון לעבן...
האָט געוויין דיר אָפּגעזאָגט דער טאָג,
איז ביז טיפער נאכט דיר גלי פארבליבן —
ווי פון ריס, פון אָפּשייד ווייַט צעטראָג!..

אין פאלן

...א וואלגער,
און ווידער א וועלט אײַנגעפאלן,
פארפאלן אהינצו,
אין אָפּגרונט פון לײדן פון דײַנע —
און שא...

. . . .

און עפּשער דײַן וועלט איז אין וועג נאָך?

. . . .

אָ, אָפּגרונט!
איך מאָן ניט, איך פרעג נאָר —
איך ווײס שוין פון לאנג, פון לאנגאָנעץ,
וואָס הײסט מיט דיר טײַנעץ,
וואָס הײסט בא דיר מאָנען...

. . . .

איך שטײ דאָ פון אויבן
באם זוים פון דײַן שלונג פון דײַן שווארצן,
איך קני דאָ,
איך שפּרײט מײַנע הענט אויס
צו פוסטקײַט צו קאלטער און שטומער...
ס'וועט עפּשער נאָך קומען
אן אָפּקלאנג פון פאלן,

פון וועלטישן פאלן,
אף איינעם א סטאַרטשענדן קנייטש באַ א זײַט וווּ,
און אָפּקלאַנג א טויבער.
א ווײַטער...
פאַר דיר דאָ,
פאַר שטייען,
פאַר קניִען
מיט הענט אויסגעשפּרייטע,
וואָס קאָן ער באַטײַטן?

. . . .

וואָס ביסטו אימשטאַנד נאָך?
דאָס שענסטע,
דאָס ריינסטע,
דאָס גרעסטע —
פון ווייען, פון ליידן
נאָך קענסטו
באַקומען
א שנירעלע שורעס
געריימטע,
געפּרעסטע,
א שנירעלע שורעס אף בלעטל צעקנייטשטן.
פאַרוואַלגערט דאָרט ערגעץ
אין ריזיקע קאָרבן פון יאָרן!..

. . . .

געדענקסטו,
האָסט ענלעכעס עפּעס געזען דאָך
אין קינדערשע יאָרן אין צאַרטע?

. . . .

...אין שטיינערנע הויפן
באַ מיסט־הויפנס גרויסע
אין קאַסטנס פאַרשפּאַרטע
(מיט קרעציקע קעץ,

מיט פארוואָגלטע הינט,
וואָס זיך גריבלען פון אויבן)...
בא קאסטנס אזוינע
אף ראָסטיקע ברודיקע שטיינער
אָפט צוזען
א שנירעלע בלוט־טראָפּנס העלע און ריינע...

. . . .

ביסט שטענדיק פאר זיי דאן געשטאנען
אין וואונדער און שטומען...
פאר הארצן פאר דיינעם
געווען איז אלציינס נאָך,
ווער האָט זיי פארלאָרן,
פונוואנען אהערצו זיי קומען...
און אויבער
עס וועט דיך באגליקן
און זיין וועט דיין ליד אזוי העפקער און זויבער,
ווי בלוטיקע טראָפּנס
אף שנייען פון וויטן סיביריען...
עס האָט זיי באוויזן צעזייען
אין לעצטע מינוטן
א פיקסל פון צאָפּן, א הינטל פון שנייען...

. . . .

. . . .

געדענקסט, ווי עס שטארבט אזא פיקסל,
וואָס האָט נאָר איין כאָכמע געקראָגן —
פאר הימל,
פאר לייטן
א הייטל א פוכיקס א וויסינקס
אין ווינטער אין וויסן צו טראָגן...
געדענקסט, ווי עס שטארבט אזא פיקסל...

— — — — — — — — — — —

שארף איז דער בליק בא דעם פעלדישן יעגער,

ער זעט עס, דאָס פּיקסל,
נאָר פּאָרט אין א זײַט גאָר,
ער וואַרפט פריִער אָנעט פונוויַיטן
א קרײַז גאָר א ברייטן...
און פּיקסל ווייסט איינס נאָר —
מיט פּעלעכל ווײַסן
צו ווײַסקײַט פון פלאַכן
זיך בייגן, זיך טוליען...
א קרײַז נאָך א קרײַז,
און אַלץ שמעלער און שמעלער,
און ס'שטעקן שוין שפּיזלעך פון פאַכעד
בא פּיקסל אין אויגן —
און וואָלט עס שוין װעלן,
דאָס ווײַסינקע פּיקסל,
זיך רײַסן
און לויפן —
איז איצטער שוין שפּעט דאָ וואָס־עפּעס באוויַיזן...

. . . .

. . . .

און שאַרף איז דאָס אויג בא דעם פעלדישן יעגער,
געטרײַ איז זײַן ביקסל...
און טרעפט ער
אין קאָפּ ניט,
אהין, ווו גערער איז —
אין מיט
צווישן שלייפן,
אין שניט
צווישן אייגעלעך שווארצע —
דאן טרעפט ער
אין הארצן!..

. . . .

נאָר טרייסט איז פאַר קיינעם

אף ערד ניט פארבאָטן!
פאר פיקסל אזוינעם,
וואָס האָט ניט געוואָלט
און האָט פּאָרט זיי צעשאָטן,
די בלוטיקע טראָפּנס,
אף זויבער פון שנייען,
איז אויך נאָך א טרייסט דאָ פאראנען...

. . . .

עס קאָן זיך דאָך טרעפן,
איין גאָט ווייסט פונוואנען,
זאָל קומען
א גייער, א זוכער,
א טרוימער, א שפאנער,
וואָס ציט דורך זײַן רײַזע
דורך פעלדער דורך ווײַסע...
עס קאָן זיך דאָך טרעפן,
דאָס מענטשלעכע הארץ זאָל זיי טוליען,
די בלוטיקע ווייען,
אז מענטשלעכער בליק זאָל זיי אײַנציקווײַז קלויבן
פון זויבער פון שנייען,
די טראָפּנס די רויטע...
דען איז דאָס קיין טרייסט ניט?..
נו, זאָג זשע, נו, בייג זשע דעם קאָפּ אָן — זײַ מוידע!
א טרייסט אזא איז איצט דאָס גרעסטע
פאר דיר און פאר פיקסל געמיינזאם...
אָ, אָפּגרונט!
אויב דאָס איז דאָס גרעסטע,
וואָס קאָן שוין דאָ קליין זײַן?..

קינדער־שפּרוך

אסור לקראת... בנביאים וכתובים
ומותר לקראת באיוב (דיני אבלות)[1]

בלע המות לנצח ומחה אדני יהוה דמעה
מעל כל פנים... (ישעיה, כה, ח)[2]

ס'איז פּאָרט שוין פּעווראל,
מיטאמאָל איז געוואָרן הײַנט לינדער,
און קינדער —
זיי האָבן צעשפּילט זיך, צעהוליעט
אַף פּירעקן שײַן, וואָס דורך ווארעמע פּענצטער
צום דיל צו דעם קאלטן זיך טוליען...

. . . .

ווי האָט ער געטרויערט, מײַן זיידע מײַן ווײַטער?
ווי וועלן זיי טרויערן, קינדער נאָך קליינע,
נאָך ווילדע,
וואָס ברעקלען דעם טונקלען געוועב פון מײַן שווײַגן,

---

[1] עס איז פארבאָטן צו לייענען די נעוויִים און קסווים און ס'איז דערלויבט צו לייענען (דעם סייפער) „איִעוו“ (דינים וועגן טרויער).

[2] און ער (גאָט) וועט פארטיליקן דעם טויט אַף אייביק; און גאָט (יאהווע) וועט אָפּווישן די טרער פון איטלעכן פּאָנעם („יעשײַע“, כה, ח).

און מאכן אים גאנץ באלד,
און וויקלען צונויף אים
איניינעם מיט קלאנגען פון יונגן געפילדער...
ס'איז גרינגער
פון זייערע הענטלעך אים ווידער באקומען,
און ווידער זיך הילן,
און שפאנען, און שטומען, און שטומען...
מײַן טאָג שוועבט זיך ווײַטער,
און טריבע מינוטן דורך פענצטער דורך העלע
מיר שיטן זיך ווידער...
איך זיפּ זיי דורך פינגער דורך מידע,
ווי זאמד,
ווי אָנצאָליקן זאמד אפן ברעג פון א יאם,
אפן ראַנד,
ווי צוויי גרויסע יעסוידעס
אלץ פליסן און גיסן צונויף זיך צוזאמען...

. . . .

ווי האָט ער געטרויערט, מײַן זיידע?
עס ארט מיך ניט שטארק, נאָר איך פרעג עס,
פון פרי הײַנט אין שטילקײַט א פראגע באגלייט מיך...
...און ס'האָט זיך באוויזן:
א סידער אן אלטן
(מיט דיני אבלות),
אן אלטן „בית־יעקב"
האָב איך הײַנט צו דאנקען
פאר מאָנעלעך טרייסט,
פאר א פּאָר פרישע רעגעס...
מײַן טרייסט איז אין דעם מיר באשטאנען,
וואָס ערגעץ א לאנד אזא אויך איז פאראנען,
וואָס דאָרט האָט געוווינט א מאן איָעוו[1],

[1] איָעוו — די צענטראלע פיגור פונעם סייפער „איָעוו".

און אָט, אין דער שטאָט, וואָס הייסט קיִעוו,
מיט יאָרן מיט טויזנטער שפּעטער
געמישט האָב איך גלאַטינקע בריטישע בלעטער
אָט דאָרט, וווּ פון איִעוו אין זיי איז פאַרשריבן...
ס'איז נאָך מיר א פראַגע געבליבן:
ווי וועלן זיי טרויערן, קינדער נאָך קליינע?

. . . .

נאָר וועמען דאָ קאָן איך איצט פרעגן?
אינגאַנצן דאָס האָבן פאַרשוויגן
די אַלטינקע שורעלעך רש"י...[1]
און וועגן אַזעלכע זאַכן
מיט ווינקען, מיט פונקען נאָר רעדט דאָס טאַנאַכל...
אין מויעך אין מידן זיך באַרבלט:
פּאַסטערס אינסטיטוט,
אָפּטימיזם
און מעטשניקאָווס וועלט־פּראָסטאָקוואַשע...
און עפּשער זיך ווענדן צו קינדער?
נאָר קינדער —
זיי האָבן צעשפּילט זיך, צעהוליעט...
ס'איז פּאָרט שוין פּעווראַל,
מיטאַמאָל איז געוואָרן היינט לינדער,
און קינדער —
זיי האָבן צעשפּילט זיך, צעהוליעט
אַף פּירעקן שיין, וואָס צום דיל
צו דעם קאַלטן זיך טוליען...

. . . .

איך מיש זיי שוין ווידער,
די גלאַטינקע בריטישע בלעטלעך.

. . . .

---

[1] רש"י — ראַביינו שלוימע ייִצכאָקי (1040—1105) — דער גרונטיקסטער אויסטייטשער פון טאַנאַך און טאַלמוד (אין מיטלאַלטער).

אָ, קלוגער עליפאז[1],
עליפאז פון טיימאָן,
דיַין קלאָרע כאריפעס
ניט ווארעמט שוין קיינעם...
מיַין קאָפּ איז מיט אש ניט באשאָטן,
איך שטיי אן אנטבלויזטער —
פאר מיר איז דאָ גאָרניט פארבאָטן!
מיַין אָנמאכט, מיַין מענטשלעכער אָנמאכט
איז ניד'ריקער נאָך פון די דילן פון קלויסטערס,
פון דילן פארבוקטע
דורך שטערנס פון דוירעס...
נאָר ס'האָט אויך אין הייך ניט קיין גליַיכן
מיַין מענטשלעכע דרייסטקיַיט —
איך וויל פון קיין טרייסטערס ניט וויסן
אָט דאָ אויף דער ערד צווישן וועלטן!
די גרייס פון מיַין מענטשלעכן עלנט,
די גרייס פון מיַין טרויער —
אָט דאָס איז מיַין טרייסט,
מיַין געווויסן,
מיַין דרייסט
און מיַין קויעך...

---

[1] עליפאז — א געשטאלט פון „איוב".

* * *

קיין דאַך, קיין ווענט — און שוועלן אומעטום,
און פּיס פאַרהאַלטן זיך שוין גרייטע צום אַרײַנגאַנג —
און טירן ציִען מיך און פירן מיך אַרום,
טירן האַרבסטיקע מיט לויטערקייט פאַרהאַנגען...

ס'האָט ליבע צאַרט געהוידעט דאָ איר וויג...
היימען הונדערטער זיך האָבן שטיל געדרייכערט.
צי האָט פונדאַנען נאָך גערעטעט זיך אַ בליק?
צי שפּילן ערגעץ־ווו פונדאַנענדיקע קויכעס?

וואָס דאַרף איך זי, די לויטערקייט די קלאָרע,
וואָס אויך אין שפּאַלטן כּורווישע פאַרינט
און וואָס צעטראָגן וועט פון ביטערע האַזקאָרעס
מײַן זייער (דערווײַל דער איינציקער) — דער ווינט...

זשיטאָמיר — ראַדאָמיסל, 1921.

* * *

אין הייכן דער שטאם זיך פארצווײַגט,
וואָס וואָרצלט זיך טיף אין די מיסטן;
פון אומגערנס טויזנטער שטײַגט
מײַן קלאָרער אומיסטן!..

ווער שטויבט מיך מיט אָפּשאף אין ווינק?
ווער אָרעמט מיך שטענדיק איניינעם?
ווער ווארפט מיך אריבער דעם שלונג
פון הונדערטער אָפּענע „ניינען"?..

נאָר הארץ מײַנס האלט נאָך די לויב
אין שעלטנדע הימנען פון שטרײַטן,
און הארץ מײַנס זויגט נאָך פון טרויב,
וואָס נערט און שטארקט אף צײַטן.

פונעם בוך

„ליריק"

(1923)

ארפאטשײַ

Пьют уже донские кони
Арпачайскую струю
Пушкин

כ׳פארשטיי דײַן יונגע פרייד,
נאָר נעענטער איז מיר
אין אָוונטיקער שײַן
באם צאנק פון הויכן שניי
א הײַפל גראָווע ברידער דײַנע
פון וואָלגע,
דאָן,
פון מײַן אוקרײַנע...

איך שטיי
מיט זיי אינײנעם
אין אָוונטן
אין זייער גרויע געבעט
פאר טירן אָפּענע
פון לאגער־צעלטן...

די שטערנדיקע וועלט
פון הויכן הימל
באַשיט
מיט גלײַענדיקע בליקן
די גרויע זינגענדיקע איידע.

פון אלטן רעמל
קוקט אַף אונדז
מײַן בלאסער ברודער
פון גרינעם גאָליל.

און ס'טרײַבט מײַן שטים
אין בענקעניש
צעגיסן זיך
אין הויכער פּראכט
פון פרעמדער נאכט.

אלעקסאנדראָפּאָל, 1912.

א פירעק שאָטן ליגט פון טונקלער וואנט

א פירעק שאָטן ליגט פון טונקלער וואנט.
א בלינדער אָרעמאַן באזיצט דאָס שווארצע רעמל.
ער זינגט. פון אייביק אָן איז אויסגעשטרעקט זײַן האנט,
און קיינער טרעט דאָ ניט, און ס'הערן איך און הויכער הימל.

ארמעניע! דאָרט אין וואָלין, אין שטיל פון קליינעם צימער,
פון צארטער שאגיניאן האָב איך געהערט דײַן ליד.
איך הער זי אין דײַן היים, און העלער קומער
אין יונגן הארצן מײַנעם גליט.

עס קלינגט דײַן ליד, אין מיר מײַן בענקשאפט קוועלט,
מײַן בענקשאפט איז פון איר נאָך עלטער.
איך בין א גער אויף דײַנע שמאָלע פעלדער,
א טוישעוו אין דער גאָרער וועלט.

שפּאַציר

דעם ליטוואַק נויעך לוריע

ס'איז האַיאָר פרי געוואָרן קאַלט. ס'איז אויסגעפאַלן שניי,
און ווינטערדיק קוקט אויס די גאַס פון אונדזער שטאָט,
און אַלט און אוראַלט קוקט די הימל־ראָד,
ווי ס'שמועסן גייענדיקע מענטשן צוויי.

פון ליטע איז ער, איך בין פון וואָלין,
זיך הײַנט באַגעגנט צופעליק און שפּאַנען סטאַם,
און פילן ביידע גלײַך, אַז ערגעץ זײַנען וואָרצלען גרין
פון איין געמיינזאַמען פון אונדזער ביידנס שטאַם.

פון ביימער שמועסן מיר, פון זייער וווּנדערלעכן רויש,
פון אַלץ, וואָס איך האָב ליב און ער האָט האָלט,
און בלײַבן גלײַך פאַרשטוינט, ווען פּלוצעם שוועבט אַרויס
אַ ווײַסינקע בערעזע נאָך אין זשאַווער־גאָלד.

1919

אָנהייב

עס ציט זיך פון ליכטיקן אָנהייב
מײַן פּאָדעם מײַן דינער,
ער האַלט זיך מיט שטענגלעך
געשלענגלטע גרינע
אין װענטלעך פון קינדערשן װיגל.

. . . .
. . . .

עס האָבן געבריקעװעט זוניקע יאָרן
און זײַנען געפלױגן.
עס האָט זיך מײַן פּאָדעם געפּלאָנטערט
און האָט זיך געצװיגן.

. . . .

איך זע אים איצט װידער,
מײַן ליכטיקן אָנהייב —
איך האָב אים געפונען.

און גרינגער אין שפּינראָד זיך דרייען,
און גרינגער איז שפּינען
און װיסן:
עס האָט זיך מײַן ליכטיקער פּאָדעם
ניט איבערגעריסן.

* * *

פון מאָסקווע דער הויפּטשטאָט אין פּרוויקע פלאַמען
א גרוס דיר, מײַן טײַערע, אַלטינקע מאַמע.

ווי שלאַנגען זיך רינגלען די בלוטיקע פראָנטן,
און צווישן אונדז ביידע אַלץ מער האָריזאָנטן.

ווי טוט עס אין שטיל דאָרט דײַן האַרץ איצטער שלאָגן,
דײַן האַרץ, אונטער וועלכן האָסט עלעף געטראָגן,

דײַן האַרץ, אף קיין רעגע וואָס ווערט ניט פאַראָרעמט,
דײַן האַרץ אין מײַן ברוסט, וואָס באַוועגט איצט מײַן אָרעם.

צי איז דאָס דײַן האַרץ שוין געוואָרן געוווירע —
דײַן בכאָר איז א דיכטער בא יידן געבוירן

און אז מיט דײַן מילך, וואָס ווי ווײַן האָט צעברויזט זיך,
אף וועלטישער סודע מײַן גײַסט איצטער גרייסט זיך.

פון מאָסקווע דער הויפּטשטאָט אין פרוויקע פלאַמען
א גרוס דיר, מײַן טײַערע, האַרציקע מאַמע!

* * *

אין טיף פון טיפסטן יאם,
אויך דאָרט,
ווו די אַלמעכטיקע, די זון,
ניט טראַכט שוין פון קיין שליטע,
ווו ס'ליגן שיכטן וואַסער־שטאָל
אין טויט באַרוטע;

אין פינצטערן בייסאַלמען דאָרט,
ווו שיף־געביינען
צאַמען
הויפנס קוואָרים
אין שווײַגעניש אין טיפער;

דאָרט,
וווּהין דער שווערסטער שטיין
(וואָס שניידט אַמגיכסטן דורך זײַן וועג)
דערטראָגט אַ שוואַרצן גרוס
פון שײַן פון ווײַטער,
אַ שטומען גרוס
פון כוואַליעס־שפּיל
שוין טויזנט מאָל באַנײַטער —
אין טעג פון ווינט,

פון שלאכט,
ווען אף דעם יאם
גייט בארג אף בארג;
— אויך דאָרטן
האָט דאָס לעבן זיך געמאכט א נעסט.
דאָרט וווינען בריִעס
ווונדער־מיִעסע,
ווונדער־שיינע;
און מער ווי מיר
צו לופט,
צו שיַין צו ריינער, —
מיט דרוק
און קוואָרים־כווישעך
זיַינען זיי פארבונדן פעסט.

א כוואַליע

Волна в разлуке с морем
Не ведает покоя...

Владимир Соловьёв

א כוואַליע, פֿאַרשלאָגן אין קרײַז פֿון א ברעג,
האַלט שטענדיק אין נאָגן,
א כוואַליע, וואָס האָט נאָר צום ווײַטער א שטעג,
האַלט שטענדיק אין יאָגן.

באַגעגנט א כוואַליע א שוועסטער אין וועג,
איז אַלץ שוין פֿאַרשטאַנען —
געפֿלאָכטן די הענט אָן א טראַכט, אָן א פֿרעג,
וווּהין און פֿונוואַנען.

און וואַרפֿט זיך אַף וועג איר א גרענעץ, א דאַמב
און מוז זי זיך שטעלן —
באַהאַלט זי אין האַרצן איר טרוים וועגן יאַם
און קוכעס אַלץ קוועלן.

און טראָפֿן צו טראָפֿן, און יעדער גלײַך בענקט
צו היים־יאַם צום אַלטן,

און טראָפּן צו טראָפּן, און יעדער גלײַך דענקט
פֿון רײַסן, פֿון שפּאלטן!

א כוואליע, וואָס ווערט מיטן יאם נאָר צעשיידט,
ווייסט קיינמאָל פֿון רו מער,
אין העלער, אין שענסטער, אין קוועלנדער פּרייד —
פּארמישט איז שוין קומער.

* * *

איך בין געווינט
צו דײַנע גרוסן, ווײַטער צאָפּן...
איך האָב געבלאָנדזשעט לאנג
אױף הויל פון ערד,
געהערט,
ווי ווײַטן וויגן זיך,
ווי ווײַטן ווערן אײַנגעשלאָפן...
אין גרויער מיט
פון הארבסטן־פעלד
האָב איך געקוקט,
ווי קאַלטער טוי
פארפערלט שטיל
דעם טונקלען שניט
פון רערלעך דינינקע
בא אלטער שטרוי —
איך האָב פון עק פון נידעריקן פלויט
פארטרויט
מײַן בליק
דער גרויסער וועלט...

און ווען דער הארבסט
מאכט קאַלט און ברייט דעם הימל,

א פרעמדער בלאָנדזע איך
אף רווישנדיקע גאסן...
פון הויכע מויערן דער ראנד
פון בײדע זײַטן,
די פלאכן די געבראָכענע
פון ברייטע דעכער אין דער ווײַטן
ניט זײַנען ברייטער מער,
ניט זײַנען העכער
פון פיצלעך אלטן פלויט
אין מיט פון גרויען פעלד...
איך האָב אמאָל, נאָך קינדווײַז
(ווי לאנג איז דאָס געווען?)
פון עק פון נידעריקן פלויט
פארטרויט
מײַן בליק
דער גרויסער וועלט!..

* * *

דאָרט ערגעץ זוימען זיך שוין וויַיטן
מיט שווערן שלעפּ פון טונקלען גרוי,
נאָר דאָ איז העל אזוי,
נאָר דאָ איז אזוי לויטער!
דאָרט אין דער זײַט,
אין טויטער פוסטקייַט פון דעם הימל
נאָך גליט די זון
מיט געלע ליַיוונטן פון פעלדער
(שוין באנומענע),
מיט העלע פיַיערן
פון יונגע וועלדער,
מיט שטאָלן־בלויע פּאסן טייַך
געזעגנט זיך די ערד
מיט קלאָרן קיניגרייַך
פון שוויַיגנדיקן רוים...
מיט רו
באכיינט איז איר געזיכט,
און ס׳ריזלט נאָך
אין יעדן קנייטש
די צארטע ליכט
פון בלאסן שמייכל,

א דאנק
נאָך צאנקט
אין האלב פארשמאכטן בליק...
ער איז געווענדט,
איר בליק,
צו אויסגעוויַיסטע ווענט
פון מענטשן־וווינונגען,
און ס׳שיַינט
אין קלאָר
פון לעצטן טאָג
איר מוטערישער זאָג:
— פאר מיר געגוג,
און אלעמען בין איך היַינט מויכל.
זון!
אין פולע שיַיערן
פארזאמלט איז דיַין גלי.
אין טעג פון אלטער קעלט
אף דיַינע וויַיטע גרוסן
אין שטיל פון אינדערפרי
וועלן ענטפערן דיר הויכע רויכן,
און יונגע באקן
וועלן רייצן אים, דעם גראָוון פראָסט,
מיט רויטן הייסן בלוט,
און בליקן אויסגערוטע
דורך טרערן קלאָרע
וועלן פון אים שפעטן
מיט פרישער מוט...
פאר מיר גענוג:
ס׳איז יעדער שטאם
שוין טיף באטרונקען
מיט שטארקן זאפט

און רײַך און איבערײַך באהאנגען
מיט זאט...
איך קאָן שוין רויִק ליגן
מיט וואסער־אָדערן פארקילטע
אין ווינטער־דעקן פעסט פארהילט...

. . . .
. . . .

און וועט א וואנדערער,
א שטילער און א גלייביקער,
אמאָל אין נאכט זיך לאָזן
איבער שנייען־פלאכן
און וועט זײַן עלנט שלעפן איבער פעלדער,
און ווינטן בייזע וועלן זיך צעשפּילן,
און ווינטן בייזע וועלן זיך צעלאכן:
„ער וועט עס אומברענגען,
ער וועט עס אומברענגען
זײַן ביסל ווארעמקײַט
אין קעלט אין אייביקער...״
און ער וועט גיין,
און ס׳וועט זײַן שאָטן מיט באדויערן
אים ווינקען,
און ער וועט גיין
און וועט אין שלאָף
אלץ מער און מער פארזינקען.

. . . .
. . . .

וועל איך א צי טאָן אים
מיט צוג
פון מײַנע ווײַטע, ווײַטע נאָך צעגליטע טיפן,
און ער וועט פאלן...
און ווינטן בייזע וועלן זיך צעהוליען,

און שנייען וועלן אים פארהילן,
און כ׳וועל צו קאלטער ברוסט אים טוליען, טוליען.

. . . .

. . . .

און ערגעץ וועט א ווינט
מיט פרעמדער צוויַיגן־האנט
א קלאפּ טאָן אין א וואנט,
און ס׳וועט א הארץ א נאָג טאָן,
און ערגעץ וועט א קינד
זיך פּלוצעם־ד׳רין צעשריַיען,
און ס׳וועט א פיַיער טון א פינקל
אין וויַיט פון פינצטער־טיפן.
און מוטערישע אָרעמס,
וואָס טראָפּנס שלאָף פון זיי נאָך טריפן,
וועלן בלינד דאָס קינד געפינען
און צו דער פולער ברוסט
עס טוליען, טוליען...

. . . .

* * *

אין דער גרויסער אלייע
זײַנען שטרענגער די ביימער!..
אין קלאָרע פרימאָרגנס
איז גרינג דאָרט צו שפּאַנען,
איז גרינג דאָרט צו קלערן
מיט הארבסטיקן הארצן...
אף קינדער פארברוינטע
דאָרט ווארטן קאשטאנען
(ס'איז האיאָר געראָטן),
און זוניקע רעדלעך
דאָרט ליגן און רוען
אין בלוילעכע ראמען
פון קילבלעכן שאָטן...
אין דער גרויסער אלייע
זײַנען שטרענגער די ביימער!..
אין קלאָרע פרימאָרגנס
איז גרינג דאָרט צו קלערן —
פון שטויביקן אומרו
דאָס הארץ צו באשווערן...

* * *

דער לעצטער בלעטערפאל!..
און יעדער שפאן
מיך פירט אין טיף פון הארבסט...
און ווידער רופט
און מאָנט דאָס הארץ
מיט וויַיטע אויסוועלטן זיך העפטן...
דער פארקן ריכט מיַין וועג,
און יעדער ראנד
פון שטיין, פון איַיזן
דערציילט דער ווארעם פון מיַין האנט
מיט קאלטע שטעכיקע באוויַיזן,
אז צווישן שוועסטער־קרעפטן
אין גרויסער וועלט,
דאָרט העכער צוים און העכער ריגל,
אין לופטיק־שטאָלענעם געפליגל,
דאָרט לויערט זי —
די אומפארשטענדלעכע, די אומבאגריַיפלעך וויסטע קעלט...

נאָר דאָ איז שטיל,
נאָר דאָ איז גרינג
אף נאָך א זונען־גאנג פארהילן

דעם קוים פארדרעמלטן,
דעם קוים געשטילטן ווילן...
ער ווארט
אף נייעם, אף ווידער נייעם,
אף ווידער ערשטן,
אף ווידער פלאמיקן גענוס...
ווו ביסטו, נייער קוואל,
פאר נייער דאָרשט פאר מיינער?

. . . .

דורך הוילן שפּיץ פון בוים,
דורך קריץ
פון שוואלבן־פלי אין בלויען רוים
איצט שיק איך דיר מיין בענטשנדיקן גרוס!..

* * *

אף גאָרנס איבער מיר,
און גאָרנס אונטער מיר,
מיט אָנמאַכט נאַכטיקן
אין שלאָף
געוויקלט, ליגן מענטשן...
דורך פענצטער אָפענעם
א שוואַרצע שטיק פון וועלטן־שטאָף,
אין בלוי, און העל געשטערנט,
פאַרפאַרהאַנגט מיר מײַן גלײַענדיקע מי
בא פרײַנטלעכן געוואַך
פון מײַן עלעקטרע־לעמפּל...
אַרום איז נאַכט.
און דאָרט, אין אַנדער האַלבן קרײַז פון אָט דעם הימל,
דאָרט ליגט אַן אַנדער האַלבע וועלט
אין העלער שײַן, אין טומל...
היי, אַלע איר, ווער ס'וואַכט
אָט איצט
מיט מיר!
ווער ס'קוקט אין נאַכט,
ווער ס'זינגט אין טאָג,

ווער אויגן ערשט פארפלאָמט אין שפּיל פון
מאָרגן־שײַן!
מײַן ווײַטער ברודער, ווער דו זאָלסט ניט זײַן!
איך גיי מיט אָפן האַרץ צו דיר
מײַן לעבן צו פאַרמערן,
און ליגסטו שטום אויף בראָכשטולן פון וויי,
און לייגסטו האַרט אַרײַן
אין ענג פאַרשנירטער ברוסט
דעם שטיין פון הייסן האַס,
און מורמעלן פון ליבע דײַנע ליפּן —
פאַר אַלץ איז אָפן שוין
די טיר פון מײַנע ריפּן...
כ׳בין איצטער אויף
אין פּלוצעמדיקן גלי,
דאָ נעבן ליגט א שטיקל נאַכט,
א גרויסער טומלדיקער טאָג,
און אונטן דאָרטן — אַלע מײַנע יאָרן
פון שלאָף, פון וואַך,
פון דוירעס און פון טקופעס...

. . . .

און יעדער רעגע־קאַפּ,
וואָס ס׳וויל מײַן האַנט פאַרכאַפּן,
אָן אופהער שוועבט אַוועק
אין אַלע שווינדלדיקע עקן.

. . . .

וואָס קאָן מיר איצטער פעלן?
וואָס קאָן דאָס האַרץ נאָך וועלן?
בוץ קוועלן, קוועלן
און פול און איבערפול צו זײַן
מיט פּײַן,
מיט זיסן פּײַן...

. . . .

און וויסן, וויסן,
אז ערגעץ איבער שוועלן
וועט נאָך א הארץ געניסן,
און פול און איבערפול וועט זײַן
פון מײַן שוין לאנג פארשוועכדטן פײַן!..

אָווגט

און אויב
דער טאָג געווען איז היינט שוין אומקלאָר שיין
און אויב
די מענטשן־שפּיל אף גרויסער גאס איז היינט געווען ריין —
איז ווען עס בייגט צו אנדער טייל פון לעבן,
צו שלאָף־געהעפט, צו טרוים־געוועבן,
איז ווען עס דערציילן גרינג
מיט שטילן גלעט פון אויג,
מיט ווערטער פראָסטע וועגן ברויט און וועגן זאלץ,
מיט גוטן נייג
צו הערעלעך צו זוניקע
אף יונגן האלדז?
און דאָרט. און דאָרט,
ווו ברעקלעך קיוועוער־פינצטערניש
מיט ליים פארפרוירענער זיך האָבן שווער געשאָטן —
דאָרט נאכט נאָך נאכט
(שוין ווייך געשיכט
אין ערשטע פרילינגס־געפלען)
דאָס בערגעלע דאָס גראָווס שוין האָבן שטיל באטראָטן...
און אויב
איך גלייב,

אַז אַף דעם טיפסטן הינטערגרונט,
אַף קלאָרסטער שויב,
פון אונטער אַלע זעונגען־געמישן
וועט גאָר שוין ניט פאַרווישן
דײַן גאָלדן־בלוטיק בילד —
איז ווען עס דערציילן טרײַ און מילד?..

פרי

פון ווײַטע זונען־כוואַליעס נאָך א טראָג,
און נאָך א טאָג, און נאָך א טאָג.
און וואָס איז זעקס, און וואָס איז זיבן,
אז יעדער איינס נאָר ווייסט,
ער הייסט:
לעבן!..
לעבן!
איך וויים:
איך וועל נאָך פאָלגן יעדער הײם,
איך וועל נאָך הערן יעדער שאָף
פון מינדסטן פינגער דײַנעם —
אין גרויסער ווידערשפּעניקײַט א קנעכט,
אין גרויסער הארנקײַט א שקלאָף,
אין פריידן און אין פּײַנען!
איך וויים:
אן אנדער אויבערהאר,
א סאר פון גאָר אן אנדער ווילן
וועט זיך ניט רוקן,
וועט זיך ניט שטילן —
ער וועט מיך גרײַפן אומגעריכט,

ער וועט מײַן קלאָר געזיכט
מיט בלענדעניש פארקלעפּן
און וועט מיך טרײַבן
צו גלאַנץ פון אויג,
צו גלוט פון ליפּן...
נאָר דיר, אָ, טויט!
דער שווארצער פּאָן אף דײַנע שוועבנדיקע מאסטן,
אויך דיר
בין איך פון איצט שוין טרײַ,
ווי כ'בין דיר טרײַ געבליבן,
מײַן גרויסע פרייד, מײַן שווערע לאסט,
מײַן לעבן!..

פֿונעם בוך

„אַף ליכטיקע רוּינען"

(1927)

* * *

דינסטו ווײַטן —
איז דער וועג דײַן היים;
וועג אַף וועג פֿאַרבײַטן,
היים אַף היים.

דינסטו צײַטן —
אײַל ניט מיטן לוין,
זע נאָר ניט פֿאַרבײַטן
אַף א קראַנץ די קרוין.

* * *

ליבע, גיי זעלטן ארוים פון מײַן הויז,
איך ווייס:
דו קערסט קיין וועלטן ניט איבער,
נאָר בויסט נײַע אויס.

*   *   *

עס וועט צו אַלעמען דערגיין
די ליבע פון מײַן האַרצן —
אַ בלי פון בלוט, וואָס שיקט מײַן פאָלק.

עס וועלן אַלע דאָ פאַרשטיין
די מיינען פון מײַן האַרצן —
אַ ווונק אַ שטילער פון מײַן פאָלק.

אין אַלע מיינען נאָר איין מיין —
די ליבע פון מײַן האַרצן...
זי וועט צו אַלעמען דערגיין,
עס וועלן אַלע דאָ פאַרשטיין
דעם בלי פון בלוט, וואָס שיקט מײַן פאָלק —
די ליבע פון מײַן האַרצן.

* * *

מילנערן

קומט אהער,
קומט צו מיר,
קומט אהערצו,
איר, ברעקעלעך רו,
איר, טראָפּנדלעך פרייד,
וואָס זײַנען פארקניטן
אין טייג פון געמיט,
וואָס זײַנען באהאלטן
אין טונקעלע הערצער —
קומט אהער,
קומט צו מיר,
קומט אהערצו
אין זויבערע ווערטער.

איר, טראָפּנדלעך פרייד,
איר, ברעקעלעך רו!
קומט צו מיר,
קומט צו גיין
אף דעם פליין

פון מײַן הויכן געמיט!
קומט צו מיר,
קומט צו גײן
צו דער ליכט,
וואָס אין זיכערקײַט ברענט
אין געוויטער פון האַרץ,
אין דער מיט
פון דעם פליין
פון מײַן הויכן געמיט.

איר, ברעקעלעך רו,
קומט צו מיר,
קומט צו גײן
פון קינדערשן כיין,
פון קלאָרקײַט פון גרײַז.
קומט צו גײן, שטעלט זיך אויס אין א קרײַז
ארום ליכט פון מײַן האַרץ,
וואָס אין זיכערקײַט שײַנט,
וואָס אין זיכערקײַט קוועלט
אין אשן פון כאָרעוועך וועלט,
אין שטרויכן פון מענטשלעכן זײַן.

* * *

בלאָער, בלאָער... שטערן העלער
דאָרט, ווו ס׳רופט זיך הימל —
ברידער, מיטלײַט, פרײַנט, געזעלן,
הערט מײַן שטילן הימן.

כ׳קאָן נאָך בענטשן, כ׳האָב נאָך לידער
טיף אין הארץ באהאלטן, —
פריד צו אײַך, איר הענט, איר מידע,
הענט מיט מי געזאלבטע.

קריגן פרײַהײַט, נויט באזינען —
שיינע שווערע צילן, —
איך מײַן פרײַהײַט קאָן דערשפּינען
אויך אין שטילער טפילע.

קאָנט אויך, מיטלײַט, קאָנט אויך, ברידער,
מיר מײַן ליד פארגינען —
פריד אײַך, פריד אײַך, גלידער מידע,
פריד אײַך ביז באגינען.

* * *

הײַנט בין איך מיד פֿון אַלץ־װיסן,
מיד בין איך הײַנט פֿון אַלץ־װעלן.
איך װיל הײַנט געניסן
פֿון העלן,
פֿון שטילן,
פֿון זיסן ניט־װיסן —
װי װאַסער, מיר װילט זיך הײַנט פֿליסן
און קװעלן. און קװעלן...

דער לייטער

...און הימלען אלץ טיפער, אלץ העכער,
און בלויער, און ברייטער...
פון הימלען ביז פעלדער ביז ווייכע —
איין גאָלדענער לייטער.

אַף העכסטן סאַפּירענעם שטאַפּל זיך וויַזט
א מאַלעך א היטער מיט שטראַלן באַקריַיזט.
א צווייטער, א דריטער און איינס נאָכאַנאַנד,
א ריטל א זוניקס בא יעדן אין האַנט.

און פעלדער זיך ציִען צו גאָלדענע שטאַפּלען
מיט וואַסערן בלויע, מיט טיפע שוואַרצאַפּלען.
פון שטאַפּל צו שטאַפּל, און שטאַנג ניט באַרירט,
מאַלאָכים א שורע זיך רינגלט און פירט.

אַף יעטווידן מאַלעך א שפּראָצלינג שוין וואַרט
אין ערדישע שויסן, אין וואַרעם, אין נאַכט.
אָט האָט שוין א גרעזל, מיט שטראַלן באַרעגנט,
זיַין מאַלעך, זיַין היטער מיט ציטער באַגעגנט.

אַף לאָנקעס, אַף בייטן, און ערד ניט באַרירט,
די שורע מאַלאָכים זיך רינגלט און פירט.

און מאַלעך צו גרעזל, צו דעם, וואָס געהערט,
אין שטילקייַט זיך בייגט און אַף וואַקסן באַשווערט.

און פעלדער אַלץ פרישער, אַלץ ווייכער,
און פעלדער אַלץ מילדער,
און גראָזן אַלץ גרינער, אַלץ העכער,
געדיכטער און ווילדער...

ווען ס'וואָלטן די ווינטן ניט בלאָזן,
ניט רוישן די רעגנס,
ניט סקריפּען די אַקסן,
דאַן וואָלט איר געהערט, ווי עס שעפּטשען זיך גראָזן:
„מיר וואַקסן, מיר וואַקסן!"

פרימאָרגן

ס'האָט אָנגעווייט
פון שנייעלעך א בארג —
א בארג
פון שניי
פאר שוועל פון נײַעם הויז פון מײַנעם.
און קלאָרער הימל
באפּערלט
יעדן נאָדל־שטאָך
אף שניי,
אף האפּט,
וואָס לופט און וואסער
(די פּאָשעטסטע, די קלאָרסטע נעמען
אף דער ערד)
אין שפּיל פון ווינטערדיקן טאָג
דאָ האָבן פליִענדיק באשאפן.
און ס'ווײַסן זיך די ווענט פון ווען מײַנעם,
און ס'ברייטערט זיך מײַן הארץ
דורך גלאַנץ דורך ווארעמען
פון מײַן שווארצאפּל...
פון שנייעלעך א בארג,
א בערגעלע א קליינס,

א ווײַסער הויך,
אן אָטעם פון מײַן קלאָרער טיר.
און דאָרטן שטײַגן זיי, די בערג,
די קנייטשן פון דער ערד,
און מאַנטלען שנייִיקע זיך גליטשן פון די אַקסלען.

*　*　*

שוואַרצע, קאַלטע, אָפּגעהאַקטע שטאַמען
פּאַסען זיך, ווי שעפּסן, דאָרט צוזאַמען
אויפן באַרג.

ווילט איר, ווילט איר, קאָנט איר איצט נאָך דרינגען:
ס'האָט אַמאָל אַ פרישער וואַלד געגרינט דאָ...
ס'איז מיר קאַרג, ס'איז מיר קאַרג!

ווילט איר, ווילט איר, קאָנט איר נאָך געפינען:
ס'וועט אַ וואַלד אַ הויכער דאָ נאָך גרינען —
דאָס איז שיין.

מיַינע קינדער וועלן דאָרט שפּאַצירן,
וועלן זיך אַהין אַליין שוין פירן —
איך שוין ניין, איך שוין ניין...

כ'ווייס, אַז אַלץ, וואָס כ'האָב דאָ אויף די ערדן,
וועט אַמאָל, אַמאָל פאַרגליווערט ווערן,
אָ, טויט באַנק.

נאָר דערוויַיל איז איצט מיַין העלער ווייסן,
ווי מיַין וועלן, ווי מיַין גרויס געניסן —
אַ געשאַנק, אַ געשאַנק.

*   *   *

א טאָג יאָגט נאָך דעם צווייטן,
נאַכט גייט נאַכט אנטקעגן, —
א פּאָדעם פון פרימאָרגן
וועבט זיך מיר אָן אופהער.

איז גרינג מיר אים באַגלייטן,
באַגלייטן און ניט פרעגן:
ווּ זײַנען זיי פארבאָרגן,
זײַנע העלע סאָפן?

פארבלענדט מיך טאָג מיט פלאמען.
פארשווענקט מיך נאַכט מיט שווארצן —
מיט מיר, מיט מיר צוזאמען
מײַן פּאָדעם אין מײַן הארצן.

*   *   *

ס׳איז שווער צו פארגעסן די שארפע אמאָלן,
וואָס האָבן פארשניטן זיך טיף אין מײַן לײַב,
הערן דעם רוף פון די טיפן:
פארהיט זיך, פארבלײַב!

און ניט קענען קיין ווענטלעך פון פרעמדקײַט צעשטעלן
און שטענדיק זיי שפּירן פון פרעמדע ארומען,
די שטומע באפעלן:
פארענדער זיך, ענדער!

זײַ גרייט,
פאר ליבע צו אלע
צו אָפּפערן, דעמפן
דײַן קינד און דײַן ווײַב!

ניט גרינג איז פארגעסן די שארפע אמאָלן,
ניט גרינג איז אף ליבע מיט ליבע ניט צאָלן.

*   *   *

פארלאָז די שוועל, ארויס אין דרויסן —
הער, אין שטילעניש אין גרויסער
פאלן שנייען...

הער, אין שטילעניש אין טיפער
שווייַגנס פליסן, שווייַגנס טריפן
שטומע ווייען...

ווייַסע גלאנצן, קאלטע שטראלן
שפּינען אוים אין זייער פאלן
נעצן טרויער.

שטעל זיך, שטעל באם דאָרפס צוקאָפּנס,
הער, ווי ס'ווארט אף מענטשנס קלאפּן
טיר און טויער...

נעכט

הינדען

הײַנט באַנאַכט
דורך טיפֿע רערן פֿון מײַן שלאָף
האָב איך דערזען דיך אַ פּאַרוּווײנטע...
אויף בלאָוון נאַכט־געוועב
געשוועבט האָט דײַן געזיכט,
און טרערן שווערע,
ווי שטענדיק הויכע שטערן־ליכט,
באַגאָסן האָבן מיר
די שטילע שאָטנס
פֿון מײַן נידעריק געמיט.

הײַנט באַנאַכט האָב איך דערפֿילט דיך
אַ פֿאַרוויינטע,
מיט צוגעמאַכטע בליקן
געדריקט זיך
צו צאַרטער לויטערקײַט
פֿון שטערן דײַנעם,
דורך פֿיבערדיקע הײַטלעך
געפֿירט

שוואַרצאַפּלען מײַנע
אױף דײַן פּאַרווײנט געזיכט,
מיט ליפּן גליִענדע
געגלעט די זיסע זאַלץ
פֿון שוין געשטילטע טרערן,
און האַרץ אין מײַנע בײדע ברוסטן
האָט הײס געשוווירן,
אַז אַלץ, וואָס אונטער זון און שטערן
נאָך וויגט די קרוין פֿון מײַנע ציט'ריקע פֿאַרלאַנגען,
אַז אַלץ פֿון אָטעם דײַנעם
אין טראָגן איז פֿאַרגאַנגען,
פֿון אָטעם דײַנעם
איז געבוירן...

* * *

פ.

א רעמעז אַף איר... און אַף יענע,
אַף די, וואָס געווען שוין, וואָס וועלן נאָך זײַן!
אין פֿינטלען פֿון ווײַעם דערקען איך
מײַן נײַע פֿארבאָרגענע שײַן.

איבער ליפּן פֿון כּיין האָסט א פֿינטל,
ווי א סימען פֿון טרויב אַף א קינדערשער ברוסט.
איך קוק, און פֿאר הארץ מײַנעם שווינדלען
די פֿריידן פֿון ערשטן געגוס.

און מײַן זוכן, מײַן גארן, מײַן ליבן,
מײַן אומרו, מײַן בענקען, מײַן דאָרשט —
אַף פֿינטל פֿון כּיין איבער ליפּן
זיך אלע געפֿינען אַן אָרט.

* * *

...און וואָס בין איך שולדיק, אז אָרעמס כ'האָב ווילדע,
וואָס האָבן נאָך ליב אים, דעם אָנשטעל פון פאַנגען
בא העלדזער שוין מילדע?

און וואָס בין איך שולדיק, כ'האָב ליפּן פאַרשנירטע,
וואָס צינדן דעם אָטעם פון ליפּן צעמישטע,
פון ליפּן פאַרפירטע?

און וואָס בין איך שולדיק, אז זיי, מײַנע אויגן,
ווי קינדערשע ציינער, וואָס בײַסן די ברוסטן —
די ברוסטן, וואָס זויגן?..

* * *

פ. ב.

פון שוים פון דיַינעם גיבן מיר א גרוס
פרעמדפעלקערישע ריַיכע ליַיבער.
(איך האָב פון זיי א וויַיטן אויג־געגוס
פון אלטן אמסטערדאמער ליַיוונט).

נאָר קלאָרע ריינקייַט, ווייך, נאָר שטרענג
פון בליקן פאַכט מיט שטראלן־ריטער,
און ס'בענקט מיַין יונג געמיט, און בענקט
פון דיַינע ריַיכטימער א ווילדער היטער.

* * *

הגידה לי שאהבה נפשי...
אם לא תדעי לך היפה בנשים...
(שיר השירים, א, ז־ח)[1]

נו, זאָג מיר נאָר, מײַן פרײַנט,
די שײנע צװײשן פרויען,
צי איז דײַן מעכטיקײַט אַזױפיל צאַרט,
צי איז דײַן צאַרטקײַט אַזױפיל מעכטיק?
צי פריִיקע, צי אָונטיקע זײַנען דײַנע טױען,
צי האָט דאָ נאַכט פאַרטאָגט,
צי האָט דאָ טאָג פאַרנעכטיקט?

נו, זאָג מיר נאָר, מײַן פרײַנט,
די שײנע צװײשן פרויען,
פונװאַנען שװעבן זײ, די העלדזער־שװאַנען?

[1] „זאָג זשע מיר, געליבטער מײַנער...“
„אויב דו װײסט עס ניט, דו שענסטע צװישן פרויען...“
(„שיר־האשירים“, א, ז־ח).

איך בעט, מײַן פֿרײַנט, דו זאָלסט עס מיר פֿאַרטרויען,
אויב ס'איז דאָרט ערגעץ־ווו א לאַנד אַזאַ פֿאַראַנען...

נו, שעם זיך ניט, מײַן פֿרײַנט,
די שײנע צווישן פֿרויען,
אויב ס'איז קײן לאַנד פֿאַראַן,
אויב דו ביסט אײנע,
איך וויל אַף האַלדז אַף דײַנעם
אויסגיסן מײַן טרויער,
איך וויל אַף האַלדז אַף דײַנעם
דאָס באַוויינען.

* * *

פאר דער רעגע
דער שטורעמדיק שטילער,
וואָס קאָנט איר מיר שענקען,
וואָס קאָנט איר מיר געבן פאר איר...
פאר דער רעגע
דער שטורעמדיק שטילער,
וואָס קומט נאָך צו מיר —
וואָס קאָנט איר מיר אלע,
וואָס קאָנט איר מיר שענקען,
וואָס קאָנט איר מיר געבן פאר איר?..

עגול[1]

רחמנא לבא בעי[2]

אף מאכן א הייליקן איגל
געגוג איז א פּאָשעט צוויַיגל,
וויכטיק איז נאָר די קאַוואָנע...

גרינג איז דאָ פרישינקע צוויַיגלעך צו קריגן,
גרינג איז באטאָג דאָ צו שוויַיגן
(באנאכט איז מיר גרינגער צו שלאָפן),
און זון איז דאָ הויפנס פאראנען,
און אלע פיר זיַיטן פון וועלט זיַינען אָפן —
פון איין זיַיט א זעע, וואָס פירט אין א צווייטן
און וויַיטער צום יאם,
דערצו איז האלב ניסן,
ווי אן אויג איז זי פול, די לעוואָנע...

א הארץ, וואָס איז ציט'ריק און גלייביק,
האָט ליב צו באשווערן...

---

1 איגל — א קריַיז.

2 גאָט פארלאנגט הארץ.

מאך איך אן אינגל —
צו הייליקע פריידן מײַן הייסע קאוואַנע,
די פריידן, וואָס זײַנען געשענקט מיר פון יוגנט,
די פריידן, וואָס זײַנען פארגרייט
פאר מיליאָנען
און טראָגן זיי דארפן יעכידים.
אין נאָמען פון אָט אַ־די פריידן
זאָג איך מײַן הארצן מײַן מידן:
הייב אָנעט.

די שווּע די ערשטע
דער אײַזערנער קאמער פון דענקענדן מויעך:

דײַן זאך איז — זײַן ניכטער,
יעדערער האָט זײַן בארוף אונטער הימל,
פארגעס אָבער אויך ניט,
דו ביסט א לאמטערן —
ניט מער —
פאר א הארץ פון א דיכטער.

דערמאן זיך:
דו האָסט זיך געפלאָנטערט אין ערשטע באגריפן
און ווייך נאָך, ווי בלעטלעך אין פייסעך
אין אונדזערע ערדישע ברייטן,
געווען זײַנען ווענטעלעך דײַנע.
דערמאן זיך,
ווי ברייט און ווי טיף איז געווען שוין
די בענקשאפט פון קינדערשן הארצן,
ווי פעסט און דערהויבן
געווען איז דער קינדערשער גלויבן...
דערפאר נאָר באשערט איז מיר דאָ צו געניסן
פון יענע פארבאָרגענע פריידן,

דערפאר, וואָס כ׳האָב שטענדיק געקאָנט דיך פארשליסן,
דו, אײַזערנע קאמער פון דענקען!
מיט גווורע מיט יונגער
דאָס גלייביקע הארץ צו פארווארפן
אף דערנער און שטויבן,
אף שפּיץ פון רויִנען,
וואָס פאר אונדזערע אויגן דאָ ווערן.

מיט אָרעמס מיט ביידע
עס געבן א שלײַדער,
ווי א פּאָספּאָרנעם קנויל,
אין דעם ווילדן געשטרויך
אף שײַטערס,
וואָס נעמען זיך ברענען.

כ׳האָב געוואגט דאָס צו קענען!

ווייטעקדיק איז ער,
דער גלויבן אין ניסים!
ווי איז פארגרייט
פאר ציטעריקע גלייביקע הערצער...

פארגרייט איז אויך פרייד...
צו הייליקע פריידן מײַן הייסע קאוואָנע,
אין נאָמען פון פריידן,
וואָס זײַנען פארגרייט פאר מיליאָנען
און טראָגן זיי דארפן יעכידים,
נעם איך דיך,
אײַזערנע קאמער פון דענקען,
באשווערן:
געדענק,
דו ביסט א לאַמטערן —
ניט מער — פאר מײַן ציט׳ריקן הארצן מײַן מידן...

מאמע

די זעלבע פעלדער.
פון דעם קינד, וואָס האָט אמאָל געקוקט אף זיי,
בין איך גרעסער,
מײַן מאמע איז קלענער און עלטער געוואָרן...
פאר מיר איז אלץ קלאָרער —
פון מיר איז זי מילדער און בעסער,
און טיפער פון מײַנע שורעס
זײַנען די קנייטשן פון איר טיכל.
און כ׳שעם זיך בא איר פרעגן,
צי ווייסט זי פון איינעם א ביכל:
„בא וועגן"?

* * *

ש. ס. ד.

פֿאַר שטאַרקע און פֿעסטע צעמענטן
באַדאַרף מען וואָס דינערע שטויבן.
כ'האָב געהאַט אַ בראָכע אױף שווענדן,
איך האָב אַ בראָכע אױף קלויבן.

איר ווערטער, איר ייִדישע ווערטער
פֿון עקן פֿון גאָר דער ערד,
דאָס פּאָכן פֿון שטײַגנדע הערצער
דורך אײַך האָב איך דערהערט.

ס'האָט קיינער נאָך דאָ ניט געמאָסטן
די מעכטיקע קויכעס פֿון צווישן,
שוין שטויבן מיט בלוטן באַגאָסן
און וואַרטן און וואַרטן אױף מישן.

איר ווערטער, איר ווייכע און צאַרטע,
ווערט שוין קלאָר און פֿראָסט.
פֿון שטאָל פֿון דאַמעסעק די האַרטקייט,
די שטײַפֿקייט פֿון רוסישן פֿראָסט.

ווי נעמען פֿון טײַערע היימען,
זאָלן קלינגען די אַלטע וווּהינען,
ס'זאָלן רופֿן ווי טורעמס די זאַמדן, די ליימען,
ווי פּאַנען זאָלן רופֿן רויִנען.

ס'האָט קיינער נאָך דאָ ניט געמאָסטן
די מעכטיקע קויכעס פֿון צווישן.
שוין שטויבן מיט בלוטן באַגאָסן
און ווארטן און ווארטן אױף מישן.

* * *

1

ליבע צו דעם, וואָס גייט אוף,
מיטלייַד צו דעם, וואָס פאַרגייט —
ס'איז ענג איין געמיט פאַר ביידן.

יעדערע ברויכט איר געוואַלט,
יעדערע צערט איר און שפּאַלט —
ס'אַ ליכטיקער מוז זיך צעשיידן.

גיב איך דיר, ליבע, די האַנט:
נעם מיך און פיר מיך געשפּאַנט —
כ'שלים מיט פאַרטרויונג די אויגן.

ס'האָט אַזאַ טעווע דער קאָפּ:
בליקן פון מענגען אים ציִען אַראָפּ
זיך ערלעך און וואָגיק פאַרנייגן.

2

ס׳איז דורך א זונענגאנג:
א זומער און א ווינטער און א פרילינג און א הארבסט,
און ווידער, ווידער פליִיצט אַף מיר דיַין גרויע גרויסקיַיט,
און ווידער פול מיט מיטליַיד און מיט מיטפרייד איז מיַין הארץ.

ערגעץ וויַיט פארגייען זיי, די ווייען, די פארדראָסן,
פארשעמטע, טיף פארנייגן זיך די אוראלטע פארלאנגען,
און א קלאָרע ליכטיקייַט איז אויסגעגאָסן
איבער אלע, איבער דיַינע ווירבלענדיקע דראנגען...

א קאָל א שטרענגער מונטערט ווידער:
איינמאָל, איינמאָל פאלט אוים אזא אצינד,
קעדיַי איז וועגן דעם צו קריצן לידער
פאר קינדערס קינדערס קינד.

קעדיַי זיך אָנקניפּן אין יעדן פּיצל שטריקל,
וואָס באָמבלט זיך אַף דיַין פארשווייסטן שפּאַן,
אין יעדן קנאל פון ביַיטש דערזען א פּאָך פון פליגל:
פאראן נאָך פרייד, פאראן!..

3

ס׳איז הארבסט, א זיַי־געזונט — א קלאָרער טאָג...
ווי יעדער בוים, ווי יעדער וואנדער־פויגל, פילט דאָס ליַיב
דעם וויי פון מינערונג, דעם וויי פון לעצטן טריַיב,
נאָר אויך די גרויסע פרייד פון מענטש, וואָס אלץ פארמאָגט.

פון מענטש פון דרייסטן לאנד — דעם איינציקן אַף ערדן,
ווו יעדער פיַין ווערט טויזנט מאָל בארעכטיקט,

ווי זים איז זייען ברויט און שלייַפן שווערדן,
ווי אומעט טאָגט ניט דאָרטן, ווי ער נעכטיקט.

אָ, ניין, כ׳האָב ניט פארלוירן זי, די פרייד די טיפע,
די פרייד פון ערשטן זייַן, די פרייד פון זייַן אליין,
פון לייַב די פרייד, די פרייד פון בלוט, וואָס אין מיר זי טריפט,
די פרייד פון אייגענעם געביין.

נאָר כ׳האָב פארמערט פילפאכיק אָט די פרייד,
כ׳האָב פריידן טויזנטער דערמיט געוואונען,
וואָס כ׳בין פארקניפט צום גאנצן לעבנס־שפאן, וואָס גייט,
און כ׳קאָן אזויפיל טריט, דעם גאנצן גאנג באזינען...

פונעם בוך

„פון אלע מײַנע וועלטן"

(1929)

*   *   *

איז ערגעץ נאָך אַזוי אַ שטרענג, אַ ליכטיק,
אַ קלאָרע וואַרעמקייַט, וואָס מאַכט דיך גיריק־שטייַף,
אַ שאָטנס פון אַ קעלט, וואָס קומט און זאָגט:
זײַ גיריק און געהיט —
ס'איז יעדער טראָט דאָ וויכטיק...
אַ שאָטנס פון אַ קעלט,
וואָס קומט און שטרענג פאַרזאָגט,
אַז יעדער זאַך דאָ אין די וועלטן,
אין גיריקייַט און שטײַפקייַט,

איר ברייט, איר לענג פארמאָגט,
און נאָך דער ריַיפקייַט אויך א צייַט פון וועלקן גייט...

איז ערגעץ נאָך אזוי אי שטרענג, אי ליכטיק!
איז ערגעץ נאָך אזוי דער וועג אי וויַיט, אי ברייט פארלאָזט.
און דאָך אזוי באוואָרנט מיט א ראנד,
וואָס זאָגט:
זיַי גיריק און געהיט,
נאָך דיר, מיט דיר באנאנד א צווייטער גייט,
און ס'איז דיַין טראָט
געקניפּט
מיט מענגען
טריט.

איז ערגעץ נאָך אזוי אי שטרענג, אי ליכטיק,
ווען אלץ, וואָס איז מיט שווערקייַט באשמידט,
ווערט דורכזיכטיק און קלאָר,
ווען ס'דאכט זיך אוים:
די שיַין, וואָס העלט זיך אָן א ברעג,
מאכט דורכזיכטיק די איינגעווייד פון דר'ערד,
ווען וואָלקנס קומען אָן און טראָגן הארבסט און רעגן,
דער רעגן, וואָס באוויינט און ראמט, באגיטיקט און פארפלאנצט.
ווען וואָלקנס קומען אָן, נאָר זייַנען גרייט דערווייַל
דורך יעדן טונקלען קנויל
זי דורכלאָזן, די קלאָרע הייך,
אַף נאָך א גוטן נייג,
אַף נאָך א ווונק מיט בלויען אויג,
אַף נאָך א שמייכל
מיט העלן קוועלנדיקן מויל.

איז ערגעץ נאָך אזוי אי שטרענג, אי ליכטיק!..

פרילינג

פון גרויסע קרעפטן דער טויש —
ער האָט איין שטילן נאָמען.
פון פרישע טראָפּנס דער רויש,
דער רויש פון ערשטע שטראָמען.

פון ערשטן דונער דער קויק,
די שײַן פון ערשטע בליצן,
דער בליק פון יונגן אויג,
די ערשטע ליבע־קריצן —

אױף אלעם דעם איין וואָרט
מיר זאָגן: פרילינג, פרילינג!
פון אָנזאָג דער אקאָרד,
פון אָנזאָג און דערפילונג.

אױף אלעם דעם איין וואָרט —
פון צוויי נאָר שטילע זילבן,
אױף אלעם דעם איין וואָרט
פון מענטשן־קלאַנגען זיבן.

ווי אָרעם און ווי רײַך!
בלויז מענטשן־קלאַנגען זיבן.
אָ, שפּראַך, מײַן קיניגרײַך,
אָ, שפּראַך, מײַן לײַב, מײַן לעבן!

אין ייִדישן וואָרט

אין ייִדישן וואָרט, ווי ס'איז ווילד, ווי ס'איז מילד, ווי ס'איז טײַער,
איז פֿאראן אזא רוף צו באנײַונג, איז פֿאראן אזא רופנדער פֿײַער,
אז ווינטן, וואָס ציִען אף וועלטישע ברייטע באראָטן,
ניט קענען פֿארבלאָזן זײַן גליִענדן אָטעם;
און אשן פֿון טקופֿעס ניט קענען זײַן צונטער פֿארגרויען,
זײַן מונטערן צונטער, וואָס העלט זיך אף שטילקײַט פֿון בלויען.

אין ייִדישן וואָרט, וואָס איז אָקאָרשט ארוים פֿון די צוואנגען,
וואָס אומרויִק זוכט זיך נאָך פֿעלדער און סטעפּעס,
איז פֿאראן שוין די זיכערע רו און די ברייטקײַט פֿון עפּאָס.
און ניט נאָר בא הייליקע שאָמרים — אין וואָרט בא די פּאָשעטע
היטערס
הערט זיך דער אָנהייב פֿון שטאָלצע געזאנגען פֿון שניטערס,
הערט זיך דער אָנזאָג אף מונטערע קלאנגען פֿון שײַער —
אין ייִדישן וואָרט, ווי ס'איז ווילד, ווי ס'איז מילד, ווי ס'איז טײַער...

אין ייִדישן וואָרט, ווי עס איז, איז פֿאראן אזא „עפּעס",
וואָס האָט שוין די זיכערע רו און די ברייטקײַט פֿון עפּאָס.

קוקט זיך נאָר אײַן מיט געהער, מיט אן אויג א פֿארטיפֿטן:
הערט איר דעם שווערן געבורט פֿון די קינפֿטיקע שריפֿטן?

האָט איר געהערט ווען אין בלוי פֿון די נײַע באַגינענס
פֿון ניבעלונגען דעם קלאַנג בא דעם גאַנג פֿון בילינעס?

הערט אים נאָר אויס, אָט דעם טראָט פֿון פּילקעפּיקע העלדן!
קיינער דעם ווײַטערן דאָר וויל זײַן נאָמען ניט מעלדן.

ברידער אין שלאַכט און אין רום און אַף פעלדער באַרוטע,
העלדן אַף רוסישע פעלדער! דערמאָנט זײַט צו גוטן!

ניט אונטער יאָך פֿון א באַרג — אונטער פֿרײַהײַט פֿון הימל
קומען זיי מוטיק און שטרענג אין געטאָקטן געווימל.

ניט אונטער יאָך פֿון א באַרג — אונטער מײַ־הימלען ברייטע
זאָגן זיי וואָגיק און האַרט:

מיר הערן!
מיר שווערן!
גרייטע!

אף דוירעס

...און קיינער וועט בא אונדז ניט אָפּנעמען דאָס גליק —
מיט בליק בארויִקטן א וווענד טאָן זיך צוריק
אהין, אין אָנהייב טעג, אין טעג פון ערשטן ציטער,
פון ערשטע ווייען און פון ערשטן קראמף...
אהין, אין לאנגע נעכט פון ווייטעקדיקן דויער...

ס׳איז אונדזער הייסער גליק,
ס׳איז אונדזער שטאָלצער טרויער,
ס׳איז אונדזער דרייסטער זיג,
ס׳איז אונדז פארזאָגט דער קאמף,
ס׳איז אונדזער טרייסט, ס׳איז אונדזער טוירע,
אף דוירעס און אף דוירעס.

און קינד מײַנס, קינד
מיט צארטע
מענטשלעך־קלאָרע,
מענטשלעך־פרעגנדיקע בליקן,
ווי וועסטו זיך
דורך טאָוולען פון געשיכטע,
ווי וועסטו זיך דערוויסן
פון יענע טעג?..

און זאָל דער שווּנג פון מײַנע לידער
דערטראָגן דיר
א טראָפּן ליכט,
אן אָנהייב צייכן,
א קלינגענדיקן שליסל
פון יענע טעג:
פון טעג פון ערשטן ציטער,
פון ערשטע ווייען און פון ערשטן קראַמף —
ס'איז אונדזער דרייסטער זיג!
ס'איז אונדז פארזאָגט דער קאַמף!
ס'איז אונדזער טרייסט, ס'איז אונדזער טוירע,
אַף דוירעס און אַף דוירעס!

מאָסקווע

סאניע כורגינס אַנדענק

און אויב דו קענסט אין יאָר ניט קומען דרײַ מאָל,
איז איין מאָל, איין מאָל בלויז
קיין מאָסקווע קום,
קום אויסבאָדן דײַן לײַב אין רויש
פון שטאָט, וואָס ברויזט,
אין רויש פון שטאָט,
וואָס האָט פון ווײ און פּײַן
ארויסגעבליט — א פײַערדיקע רויז.

אויך מײַנע קינדער ווייסן שוין
(פון נײַעם אטלאס,
ארויסגעגעבן דורכן „גיז"[1]),
אז מאָסקווע אין דער ריי פון הויפּטשטעט
איז ערשט די זיבעטע אין גרייס, —
אז הויפּטשטעט זײַנען פיל פאראַן,
אי נאָך, אי ביז...

---

[1] גיז — מעלוכע־פארלאג.

און איך, איך ווייס נאָך מער:
איך האָב
א ביסל וועלט־טומל פארזוכט,
איצט ווייס איך שוין:
אזויפיל טרייסט,
אזויפיל לוין
פאר אלע ליידן,
וואָס באשאָטנען נאָר
מיַין שווערן גאנג,
וועל איך אינערגעץ ניט געפינען
ווי דאָ, אין מאָסקווע־שטאָט,
אף ליכטיקע פארבויעטע רוינען!..

* * *

אי. כאריקן געשענקט

באקענטע, גוט באקענטע ליבע בילדער
פון גרויסן היימלאנד מײַנעם,
אַף בלוי פון הימל ביימער־שפּיצן מילדע —
אַף הימל פון אוקרײַנע.

א שטילע שאָ פון רו אין גרינעם ווינקל
ניט ווײַט פון שטאָט, פון קיִעוו,
איז וואָס, אויב ס'האָט אמאָל א קליינינק יִנגל
געלערנט פּאָסעק איִעוו.

איז וואָס, איז וואָס, אז ס'האָט אמאָל א דיכטער
געפונען ווײַטע גראמען,
און בײדע נעמען ווײַט־צעשיידטע אין געשיכטע
אוועקגעשטעלט צוזאמען?..

אָ, צײַט! א צענדליק יאָר אין טאָג אין איינעם,
אין איין מעסלעם אין פרײַען.
ניטאָ קיין צײַט דאָס אלטע צו באווײנען —
באווײַז דערזען דאָס נײַע!..

* * *

א. פיאַטיגאָרסקען

שיט אַ שניי,
שיט און שיט,
ס'איז שווער, אוי, ווי שווער,
אין ווערטער פאַרנאַרן,
אין ווערטער פאַרפירן
דעם גאַנצן געלויף פון אַ שטאָט,
דעם ציטער פון טויזנטער הערצער,
רויע, און ווילדע, און צאַרטע, און שטילע,
אָט הייס און שאַרף, ווי אַ שטאָלענער שניט,
אָט קאַלט, ווי דער שניי.
שיט אַ שניי, שיט און שיט.

פון העלע וויטרינעס
קוקן ביכער אַרויס,
און די וועלט, ווי ז'איז רוי, ווי ז'איז ווילד, ווי ז'איז גרויס,
ווערט מיר מילד, ווי אַ מוטערשער שויס.
שיט אַ שניי, שיט און שיט
ערגעץ דאָרט גאָר ניט וויַט,
דאָרטן וואַקסט נאָך און בליט,

ערגעץ דאָרט אױף איטאַליעס ראַנד...
ערגעץ דאָרט האָט אַמאָל נאָך אַ שײַטער געברענט
און דער װינט האָט געטראָגן דעם רײעך פֿון ביטערן בראַנד
און פֿון מענטשלעכן ציטריקן לײַב.
אָ, ס׳איז גוט, װאָס אױב יאָ, ס׳איז געװען —
איז אַמאָל דאָס געװען.
אַך, װי גוט, װאָס ניט אַלץ דאָ פֿאַרבלײַבט!
פֿון דעם פֿינצטערן דאָר
אַ פּאָר ציט׳ריקע נעמען פֿאַרהיט.

שיט אַ שנײ, שיט און שיט,
שיט אַ שנײ —
ס׳איז געבליבן אַ װאָרט: גאַלילײ...
און מײַן זון גלײבט מיר גרינג אױפֿן װאָרט,
אַז מיר טראָגן זיך שנעל מיט דער ערד
אַרום זיך, אַרום זון,
און אַרום, און אַרום, און אַרום
אין באַװעגונגען נײַן...
ער שרײַבט מיר פֿון קיִעװ
(געזונט זאָל ער זײַן!)
מיט שײנע, מיט קינדערשע גענג,
און באַשטימט איז די ערדישע ברײט אי די לענג,
װוּ זײַן קינדערשער פֿוס איצטער טרעט,
שיט אַ שנײ, שיט און שיט,
ערגעץ װאַקסט, ערגעץ בליט.

*   *   *

מײַן גאָר יונגן פרײַנט
מילי מיראַטשניק געשענקט

ס'איז שווער צו נאָכשפּירן דאָס שווינדלען פון א ראָד,
נאָר ניט פאַרגלײַכן שווערער —
אונטער ראָד א רעגן ליגן.
און אומגעהייער שווער
איז זײַן צו ראָד געשמידט,
און יעדער דריי
אף קערפּער אייגענעם
אף סאמע מיט
די ראָד איבערפירן.

וואָס גיכער ס'גייט די ראָד,
וואָס אָפטער ס'איז דער דריי,
אלץ קלענער זײַנען זיי,
די רעגעס, וואָס טיילן זיי, די אָפּשטאנדן פון ווײ צו ווײ,
און רעגעס שפּרייטן אוים איין ווײ־געלעגער.
היי, אלע איר, וואָס שפּירן נאָך „פון גאָטס געגאָד",
ווי שנעל, ווי שיין עס גייט די ראָד,
פארגעסט ניט זיי,

וואָס האָבן יעדער דריי פֿון ראָד
אויף גלײַכע שליאַכן און אויף קרומע וועגן, אויף קערן און אויף ראָגן
אויף זיך אַליין געטראָגן.
און זאָל צו אײַך דערגיין
דער וויי־געשריי
פֿון דעם געמיט,
וואָס איז צום ראָד געשמידט.

* * *

פאַר אָט דער קלאָרקייט פֿונעם הימל,
פֿאַר אָט דער אומרויִקער שטילקייט אױף דער ערד
ווּעמען דאַנקען, וועמען רימען
דאָרט אין הימל, דאָ אױף דר'ערד?..

צווי וועווריקלעך

מײַנע קינדערס כאוויירים

עס האָבן געלעבט אמאָל וועווריקלעך צווי,
אין וואלד אין גדיכטן געלעבט אָט אזוי:

א שפּיץ פון א בוים און פון צווײַגן א נעסט, —
אום זומער אזוי זיך, אום ווינטער פאר פרעסט.

דאָס עלטסטע געוווּסט האָט פון ווינטערס א פּאָר,
דאָס צווייטע ניט אלט געווען איז נאָך קיין יאָר:

געוווּסט נאָר פון פרילינג, פון זון און פון היץ,
פון זאפטיקע רעגנס, פון דונער, פון בליץ,

פון צווײַגן פון ווייכע, פון צארטינקע הענט —
צו שפּרונגען צו יונגע פון שטענדיק געווענדט, —

פון פּורפּורנע מאָרגנס, באפּערלט מיט טוי,
פון שפּילן אף שטאמען פאר אָוונט פאר גרוי,

פון לויפן, פון שרײַפלען ארוף און אראָפּ
מיט עקל צום הימל, צו ערד מיט דעם קאָפּ.

געשפּרונגען, געטאנצט, ניט געהאט קיין מינוט
אף גוט צו באטראכטן, אז יונג זײַן איז גוט.

געווען איז סאָף זומער, טיף גרין און פארדעגקט,
מיט לעבן, מיט שווערקײַט אף ווינטער באשעגקט.

איז איינמאָל אזוי אין א פרילינג־פארנאכט
האָט וועווריקל אונדזערס און שטארק זיך פארטראכט.

האָט פּלוצעם דערזען, אז דער וואלד — ער איז ענג,
האָט פּלוצעם דערפילט, אז דער וואלד — ער איז שטרענג:

נו, סאָסנעס, נו, מאָכן, דאָך נאָך עפּעס פעלט!
עס איז דאָך אכוץ דעם פאראן נאָך א וועלט.

מע זאָגט, אז דאָרט ערגעץ א יאם איז פאראן,
און כוואליעס דאָרט טאנצן אין ווינטישן שפּאן,

און דאָרטן אַף יענעם אַף אנדערן ראנד
א לאנד איז פאראנען, א ווּנדערלעך לאנד.

. . . .

„און ווּ וועסטו ציִען,
און איינער אליין,
אז יאם דאָרטן גרויס איז און וועוריק איז קליין...
און ווי וועסטו ציִען, ווען ס'דונערט, ווען ס'בליצט,
ווען כוואליע נאָך כוואליע מיט שיפן זיך שמיצט.

און וואָס וועסטו דאָרט טאָן — ס'וועט קומען די קעלט,
און נערונג זיך מינערט, און נערונג זיך פעלט..."

נאָר ס'האָט ניט געהאָלפן קיין וואָר'נען, קיין שרעק —
דאָס וועווריקל איז אינדערפרי שוין אין וועג.

פון צוויַיגל אַף צוויַיגל, און פּלוצעם א פעלד —
און ס'איז ברייט, און ס'איז וויַיט און ביז מוירע געפעלט,

און דאָרטן א יאם נאָך, א יאם דאָרטן ווארט...

. . . .

דער טאָג ווערט פארשווּנדן, עס פאלט שוין די נאכט.

איז וועוריק געבליבן אין פעלד אין א מיט,
מיט מידקײַט פארשטאָכן די קני און די טריט.

א מוירע באם הארצן, אן אומעט ארום,
און הימל מיט ערד דאָרט — פארנעפּלט און שטום.

נאָר נאכט האָט ראכמאָנעס, האָט שטיל זי געהיט
דעם ווילדינקן וועוריק אין פעלד, אין דער מיט.

געשלאָפן איז וועוריק, אין כאָלעם געזען,
ווי כוואליעס זיך שפּילן אין זוניקן ברען.

און ווי נאָר באגינען דעם ראנד האָט באראָזט,
האָט וועוריק אין וועג זיך און ווײַטער געלאָזט.

געשפּרונגען איז וועוריק, אנטקעגן — דער וועג,
און איבער זיי ביידע געגאן זײַנען טעג.

און איינמאָל אין קלאָרער אין פריזיקער שטיל
האָט וועוריק דערהערט אויך די יאמישע שפּיל;

האָט וועוריק דערזען אויך דעם יאמישן גלאנץ,
דעם גלאנץ, וואָס איז גרייט שוין צום כוואלישן טאנץ.

דערזען — און מיט וועורישע אייגלעך געדאנקט
אי דעם טאָג, אי דעם יאם, אי דאָס הארץ, וואָס פארלאנגט,

אי דעם שטויב, וואָס מאכט שווער, אי דעם וועג, וואָס מאכט מיד,
אי די שאָען פון שלאָף אין א נאכטישער מיט.

און מיט פאָרכט און אָן וויסן איז וועוריק שוין גרייט
אינגאנצן פארגלייבן דער יאמישער ברייט.

און פּלוצעם און נאָענט — א שטילער געווינס —
עס שיפּט זיך א צווײַגל אַן אייגנס, א גרינס.

א צווײַגל אָן היים און אָן וואָרצל, אָן שטאַם,
און בא זײַט און דאָרט ווײַט איז אַלץ יאַם, איז אַלץ יאַם.

און עמעצער פירט דיך, און עמעצער ציט,
און ווײַטער אין ווײַטקײַט, פון מיטן אין מיט...

א גלאַנציקע שאָ — און ס'פארשווינדט שוין דער ברעג,
און ס'איז מיט, און ס'איז יאַם, און ס'איז יאַם אָן אַן עק,

געשווּוּמען איז וועוריק, אנטקעגן — דער גלאַנץ,
דער יאַמישער גלאַנץ נאָך אַלץ רויִק און גאַנץ.

מיט פריִיקע פארבן אין שטיל זיך געמאָלט,
באַטאָג זיך געבלויט, צו באַנאַכט זיך געשטאָלט.

נאָר אָט איז געפאַלן א פינצטערע נאַכט,
אזא פינצטערע נאַכט, ניט פאַר וועוריקס געדאַכט.

און האָט שוין גענומען שאַריִען אױף טאָג —
א ווינטל פון ערגעץ טוט פּלוצעם א טראָג.

נאָך ווינטל א ווינט קומט פון יאַמישע ווײַטן,
א וואָלקן א גרויער אױף אים קומט צו רײַטן.

א וואָלקן א צווייטער פארצוימט אים און קנוילט,
און כמארישער רוקן צעבייגט זיך און גרוילט;

און דונער נאָך דונער זיך קויקלט און פאַלט,
און בליציקע בײַטשן — א קנאַל נאָך א קנאַל;

און וואַסערנער שפּיגל אין בראָך און אין שטויב,
און כוואַליעס א מאַכנע פון טיפן זיך הייבט.

און כוואַליע נאָך כוואַליע פאַרפּלייצט און פאַרשיט,
און וועוריק קוים אָטעמט פון וואַסערנער מיט.

אָט־אָט ווערט מיט לעבן שוין וועוריק צעשיידט,
און וועוריק איז גרייט שוין באַגעגענען טויט.

. . . .

קיינער דאָ ווייסט ניט, ניט ווען און ניט ווו —
נאָר שטענדיק נאָך שטורעם — קומט אָן די רו.

און דער ווינט, וואָס די וואָלקנס רופט אוף און פאַרקלײַבט,
אין הימלשע שטאַלן אין שטיל זיי פאַרטרײַבט.

עס שטילן זיך כוואַליעס, געוואָרן שוין מאַט,
און לאָזן אַראָפּ זיך צו וואַסערנער גלאַט,

און נידערן, נידערן, ציִען זיך אויס,
צעציִען די גלידער אף יאַמישן שויס.

און פון בראָך און פון שטויב און פון שטורמישער שפּיל —
איז אַלץ גאַנץ, איז אַלץ גלאַנץ אין דער רויִקער שטיל.

און וועוריק זיך הוידעט אף צווײַגל, אף שיף,
און זעט שוין דעם הימל אין לויטערער טיף...

. . . .

פאַרזוכט האָט שוין וועוריק אי דרייסטקײַט, אי שרעק,
ווו נעמט מען א וועג שוין, ווו זעט מען א ברעג?..

און פּלוצעם — א פּאָרכטיקער פליגל־גערויש —
אף לויטערער טיף פליט אַן אָדלער אַרויס.

האָט וועוריקל ווידער די אייגלעך פאַרמאַכט,
און האַרץ זײַנס איז גרייט שוין צו נײַער געפאַר...

ווען ס'האָבן זיך בליקן אַנטפּלעקט אף א רעגע —
איז נאָענט, גאָר נאָענט אָדלערשע נעגל!

צו וואָס דאָ אַן אָדלער, צו וואָס זײַנען נעגל —
דערויף דאַרף א מײַסע, קיין קאשע ניט פרעגן.

די לופט האָט געלעכערט א שנײַדיק געשריי,
אין ברייט איבער יאם אין דער הייך זיך צעשפּרייט.

און יאם האָט דערשלונגען דעם בלוטיקן טריף,
ניט רויטער געוואָרן די קאלט־בלאָע טיף.

איז וועוויריק פארכאלעשט און טראָגט זיך אהין,
צו ברעג און צו וואלד, וווּ היים זײַנע גרינט...

ווען וועוויריק פון וויטעק האָט ציט'ריק דערוואכט,
האָבן ברידערשע בליקן אף אים שוין געווארט.

האָבן ברידערשע אָרעמס געצערטלט, געפּרעסט,
און טרײַ איז געלעגן פון אונטן דער נעסט.

און אלץ איז פארשוווּנדן — קיין שרעק און קיין וויי,
א בוים און א נעסט און ברידערלעך צוויי.

דער עלטערער מונטערט, דער עלטערער פרעגט:
„דערצייל מיר פון שווערע פון שרעקלעכע טעג...

זעסטו, דו ביסט שוין דערגאנגען אליין,
ווי שווער אין דער פרעמד איז, ווי ביטער אָן היים.

געדענקסט, כ'האָב געוואָרנט, געבעטן בא דיר —
נו זאָג, וועסט שוין קיינמאָל ניט ווערן פארפירט?"

געטײַנעט, גערעדט אין דער נעסטישער שטיל,
און ברודערשע בליקן מיט צארטקײַט געפילט.

געקוקט אין די אויגן, געקוקט און געלייענט:
טויזנט מאָל יאָ און טויזנט מאָל ניין!..

א טאָג אזא פאראַן

י. פעפערן געשענקט

ס'איז קיינמאָל דאָ ניט שפּעט דאָס לעבן צו באַנײַען,
ביז ס'איז פון לעבן דאָ א טראָפּן נאָך פאַראַנען.
א שאָ, א רעגע א געווינלעכע דערווייל
און זאָגן איר:
דו, זײַ אן אָנהייב מיר
א ליכטיקער, א נײַער,
פון דיר מײַן ערשטער טראָט,
פון דיר מײַן נײַע אנונג.
ס'איז קיינמאָל דאָ ניט שפּעט
אפּסנײַ די יאָרן ציילן.
מיט אלעם לעבעדיקן
די מונטערנדיקע לופט
דורך אָטעם טיילן...

פאַראַן בא אונדז אין לאַנד
אין לויף פון טעג,
באַם שיידוועג
צווישן גרויען הארבסט
און שטרענגע קעלטן

א טאָג א זעלטענער, א גרויסער,
א טאָג אזא פאראנען,
ווען יעדער מוז געדענקען,
ווען יעדער מוז זיך צאפּלענדיק דערמאָנען:
ער איז אַן איידעם
און א מאַנער
און ס׳ווערט פון אים געמאָנט דאָ אויך.
אין יענעם טאָג איז גרינג אזוי
דאָס לעבן צו באנייען
און זאָגן הויך
און פון דער טיף דערקלערן:
איך בין מיט אלע אייך
אין איין פארשטייפטן פראָנט,
איך מאָן און ווער געמאָנט.

פונעם בוך

„געזאמלטע ווערק", ב. I

(1930)

* * *

אָשערן

דיַין טיַיערן נאָמען —
די ווערטער די צארטסטע
פון הארצן פון מיַינעם.

דיַין טיַיערן נאָמען —
פון טאָמיד, אַף טאָמיד...

איך האָב אין דיַין נאָמען
זיי אלע געמאָלדן,
איך האָב אין דיַין נאָמען געבענטשט —

פארגיב מיר! —
אמאָל אויך געשאָלטן.

איך ווייס, מײַן באַצויבערטער ברודער,
מײַן ליכטיקער מענטש!
דײַן הארציקע ליד
האָט בענטשונג פארהיט,
איך ווייס, אז דו האָסט זיך פון שעלטונג געווערט,
פארגיב מיר, מײַן ברודער, מײַן העלד!

דערפאר דאָך דײַן האנט האָט געהאלטן א שווערד,
קעגן פײַנטלעכער וועלט האָסטו האסטיק געשטעלט
די ביקס, וואָס אין פינגער אין יונגע געקריגן...
און איך האָב מײַן וואָרט דאָ געשמידט און געשליפן —
אויך האס און אויך גיפט זאָל עס טריפן...
פארגיב מיר.

אין נאָמען אין דײַנעם איך האָב זיי געמאָלדן,
איך האָב אין דײַן נאָמען געבענטשט —
פארגיב מיר! —
אמאָל אויך געשאָלטן...

1923

* * *

אָט אזוי ווערט פון הארציקן טוי
און פון ווארעמע יונגע געבליטן,
אָט אזוי
ווערט פון מענטשלעכן לײַב,
וואָס אין צײַט איז געפּענטעט, —
ווערט א טרוים,
וואָס אין יאָרן, אין ווײַט איז געוועגדעט,
ווערט געזאנג, וואָס אין יאָרן פארבלײַבט
ניט געענדערט.

אָט אזוי
ווערט א טרוים,
א לעגענדע.

*   *   *

דיר, שטענדיקע ענדערונג,
שמיד איך א ליד.
דיר, וואָס דו האָסט זיך דאָ העליש צעברענט,
דיר, וואָס דו האָסט זיך דאָ פלאמיש צעגליט,
איך ברי מײַנע הענט,
און איך שמיד דיר א ליד...

רעגנבויגן

אויס רעגן, אויס רוישן,
נאָר טראָפּנס פֿון פּערל
אין ליכטיקע שויסן,
אווּ וועסט זיך קערן.

און דאָרטן אין הימל
א פּאס איז געבליבן,
א פארבן־געווימל,
ווער זאָגט עס, אז זיבן?

פֿון זען, פֿון געניסן
מײַן זעל איז שוין שיקער,
די וועלט כ׳גיי דערוויסן
מיט עפּל פֿון בליקן.

דערוויסן, באצווינגען,
באפּרוכפּערן, מערן,
דער הײַנט זאָל באדינגען,
דער מאָרגן זאָל הערן.

פֿון הײַנט און פֿון מאָרגן
מײַן זעל איז באטרונקען,

נאָר ערגעץ פאַרבאָרגן
דאָרט רוישעלעך זינגען:

„די פאַרבן די זיבן
א צייכן פאַרהיטן,
א צייכן געגעבן
אַף אייביקן פרידן".

מײַן שיקרעם פאַרשווענקט מיך,
מײַן טראָט ווערט אַלץ גיכער,
פון קינדהײַט געדענק איך
דעם צייכן פון זיכער...

מײַן זעל זיך צעשמייכלט:
פון רײַך איז זי רײַכער,
כ'וועל ווײַזן דעם צייכן
איעדן מײַן גלײַכן.

איעדן באַווײַזן,
צו יעדן זיך ווענדן:
— איך געדענק נאָך א מײַסע,
איך ווייס א לעגענדע.

אין וואלד

פייגען א מאטאָנע

ניט אומזיסט דאָ קלויבט מען, היט מען
קלאַנגען, ווערטער, מאָסן, ריטמען.

יעדער קלאַנג האָט זײַן באַדײַט,
האָט זײַן אָרט און האָט זײַן צײַט.

וויפֿל צײַגן, וויפֿל שטאָפֿן,
פּונקט אַזוי פֿיל גענג און סטראָפֿן.

יעדער גליד און יעדער שיכט
האָט זײַן ליד, האָט זײַן געדיכט.

כ'האָב געהערט, אַז ליד איז סאַמעט —
וועלטן־שטאָף אין שטערן־ראַמען.

כ'האָב געוווּסט פֿון ליד די טיף —
ספֿערן־גאַנג, פּלאַנעטן־טריף.

כ'האָב געהערט פֿון לידער — זײַדנס,
ניט פֿון נאָענט — איז פֿון ווײַטנס.

ניט בא זיך — איז דאָרט בא לײַטן,
ניט פון איצט, איז פון פאַרצײַטן.

אויך געוווּסט, אין לידער זידט מען,
אויך געוווּסט, אז לידער שמידט מען.

אויך געוווּסט, אז ליד איז שטאָל,
שטאָל, וואָס שטײַפט זיך וואָס אַמאָל.

אויך געוווּסט, אז ליד איז דימענט —
האַרטע, שאַרפע, העלע הימנען.

אויך געוווּסט, אז ליד איז שײַן,
שײַן, וואָס דרינגט אין שטאָף אַרײַן.

הײַנט פון שײַן נאָר וויל איך שפּינען.
ס'איז דאָך דאָ א וואָרט: באַגינען!

ווּ איך פאָר, דאָ איז ער הי,
ווּ ס'איז שפּעט שוין, איז נאָך פרי.

דאָך פאַרשאַפט מיר זיסע לײדן
יעדן טאָג זיך מיט אים שײדן,

יעדן טאָג אין אָפּ, אין גרונט,
זאָגן אים א זײַ־געזונט.

ניין, איך ווייס, ער איז דאָ שטענדיק,
ס'איז אין אונדז אַליין געווענדעט

זיך דערוויסן, ווּ און ווען
אים צו טרעפן, אים צו זען.

אים, דעם לויטערן באגינען,
כ'האָב גענומען זיך געפינען.

כ'האָב פארלאָזן דאָרף און שטאָט,
כ'בין ארוים אף גאָטס בּאראָט.

כ'בין אין פעלד, אין וואלד געגאנגען,
כ'האָב געהערט די רויִע קלאנגען.

כ'האָב געשפּירט און כ'האָב געהיט
אלע ערשטע, ווילדע טריט.

און אף שפּירן און אף זוכן
עפּשער טויגן אלטע שפּרוכן.

אויך א שפּריכוואָרט האָב איך מיר,
אלטע, אלטע ווערטער פיר.

כ'האָב אמאָל זיך זיי פארצייכנט
(כ'וועל זיי ברענגען, זײַט מיר מויכל).

אויב ס'וועט קיינער ניט פארשטיין,
וועט פארשטיין האָפּשטיין אליין.

כ'האָב געוווּנדעט זיך צו ביימער:
יום ליום יביע אמר[1] —

ניט פארשטאנען האָבן זיי,
ניט פארשטאנען האָבן זיי...

---

[1] יום לעיום יאבִיא אוימער — א טאָג צו א טאָג וועט איבער־געבן א זאָג (טילים, יט, ג).

הייסט עס, כ׳האָב פון שפּרוך קיין נוצן?
עפּשער קאָן ער כאָטש באַפּוצן?

טראַכט זיך יעדער, וואָס ער וויל,
כ׳בין נאָר אויסן — הערט מיך שטיל:

כ׳בין אין פעלד, אין וואַלד געגאַנגען,
כ׳האָב געהערט די רויִע קלאַנגען.

כ׳האָב געשפּירט און כ׳האָב געהיט
אַלע ערשטע, ווילדע טריט.

האָט דער וואַלד מיך טיף פאַרצויגן
און געקוקט מיר אין די אויגן,

אין אַ יונגוואַלד מיך פאַרפירט
און געזאָגט מיר: „שטייט און שפּירט!"

איז אַ וואַלד מעכוּיעוו אירצן?
פרעגט ניט, ניט באַקוועם איז קירצן.

כ׳בין געשטאַנען, כ׳האָב געוואַרט,
כ׳האָב געוואַרט ביז מיט פון נאַכט.

כ׳שטיי און שפּיר — אינמיטן־דרינען
עס באַווייַזט זיך מייַן באַגינען.

ס׳האָט מייַן האַרץ פאַרשווענקט אַ פרייד,
כ׳שטיי און קוק — צו וווּנדער גרייט.

קיינע ווערטער קאָנען דינען
אייַך צו מאָלן דעם באַגינען,

ווי ער שטייט און ווי ער גייט —
ס'האָט מײַן הארץ פארשוועגקט א פרייד.

איינס איז מיר נאָר איצט געבליבן,
אײַך אין פּראָסטע ווערטער געבן,

וואָס איך האָב געזען דאָרט און...
וואָס באַגינען האָט געטון.

ער האָט שטיל א פונק פארלוירן,
אים געוווּנקען — ווער געבוירן!

און פארזאָגט אים: — גלי און בלי,
און צעפלאַנץ זיך אינדערפרי.

האָט דער פונק (נאָך גאָר א בלאַסער)
אים געענטפערט און געכאַזוערט:

גלי און בלי, און גלי און בלי,
און צעפלאַנץ זיך אינדערפרי.

האָב איך שטיל געוואָרט מיט ציטער,
כ'קוק — דער פונק איז פערלמוטער.

גלי און בלי, און גלי און בלי,
כ'גיב א קוק, עס שפּריצט דער פרי.

האָט דער וואַלד מיר שטרענג באַפוילן,
איך זאָל אַלעמען דערציילן.

זעט, באַגינען זיך באַהאַלט
דאָ בא מיר אין טיפן וואַלד.

און פֿון זיך נאָך כ׳וועל דערגעבן:
שיין און שיין און שיין איז לעבן!

ווי איך פֿאָר, דאָ איז ער הי,
ווי ס׳איז שפּעט שוין, איז נאָך פֿרי.

ווי איר זײַט דאָ ניט פֿאַרנומען,
זעט, אַז אײַך זאָל אויך נאָך קומען,

איינמאָל אויסקומען זאָל אײַך
אַלץ צו זען מיט מיר באַגלײַך.

האָלאָסייעווער וואַלד, 1929

פונעם בוך

„געקליבענע לידער", ב. II

(1931)

* * *

מ. טאַקאַרסקין געשענקט

מײַן אָנהייב־היים, מײַן שטעטעלע, מײַן קליינינקס,
געהאט האָט פון אמאָל א ביסל גליק.
געהאט א וואלד, א טײַך און פעלדזן שיינע,
ווארשטאטן, שטיינגריבער און א פאבריק,
מײַן שטעטעלע, מײַן קליינס!

מײַן שטעטעלע, מײַן קליינס, עס האָט געליטן
ווי אלע מיר, די מענטשן און די שטעט,
נאָר ס'האָט די שאנד פון אָנמאכט אויסגעמיטן,
געקעמפט, פון רויבער שענדלעכע געשפּעט,
מײַן שטעטעלע, מײַן קליינס!

15*

מײַן שטעטעלע, מײַן קלײנס, אין יאָרן טויבע
האָט פרי דערהערט דעם נאָמען באָלשעוויק,
דערפאַר האָט עס געהאט א ביסל גליק
און שוין געגרייט פאַר זיך און טויט פאַר רויבער,
מײַן שטעטעלע, מײַן קלײנס!

סילועטן

בלוי איז בלוי, און ראָז איז ראָז,
און צו נאכט־צו ווערט אלץ שווארץ,
איז פארוואָס זשע, איז פארוואָס
ציטערסטו אזוי, מײַן הארץ?

אך, מײַן הארץ האָט זיך דערמאָנט,
אך, אָט זע איך, זע איך זיי
אפֿ בלוי־ראָזן האָריזאָנט —
צאפּעס בארגיקע א ריי.

שווארצע צאפּעס, שטרענג געשניצט
שנירן זיך באם האָריזאָנט.
אָט זיי גייען — אָט ווי איצט,
און די געגנט כ'האָב דערקאָנט.

רעכטס די בערג, און לינקס דער יאם,
און דער זוים פון טאָג און נאכט.
אפֿ דעם ראנד און אפֿ דעם ראנד
גייען צאפּעס זיך באזאכט.

און דער אווטאָ שוועבט און שוועבט,
און דאָס אויג דאָס בילד פארהאלט,

און מייַן האַרץ אין ציטער לעבט
באַ דעם זוים פֿון יונג און אַלט.

ווי פֿאַרנאַרט מען עס אין וואָרט
אָט דאָס פּראָסטע, שטילע בילד,
וואָס האָט אופֿגערירט מיך דאָרט
און אָט דאָ איך האָב דערפֿילט.

מײַן גאָב

1

מײַן גאָב, מײַן דיכטערישע גאָב,
מײַן שווער געשאנק!
ווי שווער איז דיך צו גרײַפן,
ווי שווער איז דיך צו האלטן און צו טראָגן,
אך, ווי שווער!

צי בין איך ניט דער יעגער
פון יענעם אומגליקלעכן פאנג,
ווען ס'איז ניט קלאָר געוועזן — וועמען ווער:
דער בער דעם יעגער אָדער גאָר פארקערט:
דער יעגער האָט דעם בער.
איך זוך, איך לאָקער, און איך נישטער,
איך בענק, איך לעכץ, כ'גיי אויס נאָך דיר,
און דו? — דו ביסט אין מיר און האלטסט מיך שטום.
און פּלוצעם:
ווען אלץ ארום מיך צווינגט פארגעסן,
ווען כ'וויל פון לײַכטקײַט אף דער וועלט גענים,
ווען כ'וויל ווי אלע האָבן און פארמאָגן
דאָס ניכטערע, דאָס נייטיק ביסל וויסן,
דאן קומסטו פּלוצעם אָן,

ברויזט אוף מיט פלאמען דורכן נעפל,
מיט לויכטנדיקן רויך,
און מײַן באוווסטזײַן ווערט פארפלייצט
פון שוימענדיקן פײַער.
פון גומען,
פון די ליפּן שווימען הייסע רייד,
מײַן אויער הערט זיי קאם.
ער פורעמט הייסערהייט אין רייען שטאָלענע
געקײַקלטע געשרייען.
און טיפע בענקשאפט טרעט ארויס
דורך בלאָוון גלאנץ פון שטאָל,
און קרעפטן פעסט געבונדענע
אומזיסט זיך רײַסן
דורך דעם קלונג פון אײַזן,
און ס׳ווערט געקייטלט און געשמידט
אָט דאָס, וואָס הייסט דאָ „ליד״.

2

וואָס דארף איך זי, מײַן שיינע גאָב,
אז איך בין איר אוועקגעגעבן?
זי צערט מײַן קערפער, ווי א ראָב,
און פון מײַן טויט זי שעפּט זיך לעבן.

וואָס דארף איך זי, די שיינע קראפט,
אז כ׳קען זי זעלטן נאָר באצווינגען?
אז ווען זי וויל, זי קומט און שאפט,
און מײַנע ביינער ריידן, זינגען.

ווען ס׳איז דער קאָפּ אין יאָך גענייגט —
אין שווערע שורעם לײַכטקײַט שפּרייטן!

און וווילקלאנג וועגן אפּן לויט,
ווען ראש מיר שפּאלט די אויער־הויטן!

וואָס דארף איך שארפן יעדן קאַנט,
וואָס דארף איך איצט די ווערטער מעסטן,
ווען ס׳ברעכט די האנט די פעסט פארפרעסטע
צעשפּרייַזטע פּענעם נאָכאנאנד?

*   *   *

רויש פון רעדער, רויש פון רעדער.
דאָרעם־מײַרעוו ווערט דערוויַטערט.
ווידער, ווידער, ווידער, ווידער
ווערט מײַן גײַסט אין וועג געלײַטערט.

אָוונט, אָוונט, טיף אין אָוונט,
אין א זײַט א פּאַס פון רויטן
גלײַך דער אופגאַנג איז דאָרט נאָענט,
און ער שיילט זיך פון די שויטן.

פון די טונקלע ווייכע שויטן
שיילט זיך אויס דאָרט א פרימאָרגן.
שוועבט דער צוג, עס בלײַבט דאָס רויטע
אין א זײַט און ווערט פאַרבאָרגן.

. . . .
. . . .
. . . .
. . . .

ס'איז מײַן קינדהײַט דאָרט פאַרשוווּמען
און אַף שטרויכן דאָרט צעהאַנגען;

ערשטע ווייען, ווייען שטומע,
ערשטע הארציקע געזאנגען.

. . . .

. . . .

אין וואגאָן

א רעגן

פון אינדערפרי הײַנט גייט און גייט
א שטילער, א מעכײַעדיקער רעגן.

ס'איז טיף אין פרילינג,
ס'איז ענדע מײַ,
איך בין אין שטאָט,
נאָר אלע מײַנע כושים שפּירן,
וואָס טוט זיך דאָרט —
אין דאָרף,
אין גרויסער וועלט
פון פעלד.

פון אינדערפרי הײַנט גייט און גייט
א שטילער, א מעכײַעדיקער רעגן —
ס'איז זיסע זאפט,
ס'איז קראפט
פאר ווײַטערדיקן וווּקס,
און אויך
איז אזא רעגן פעך
און סאם
פארן פרעכן ווירבלענדיקן יאם

פון פליגעלעך און פליגן,
וואָס שעדיקן
די פעלדער און די סעדער...
ס'איז אזא רעגן
א גרויסער קויעך,
וואָס קאָן באַוועגן
שווערע רעדער!
א שטילער, א מעכטיקעדיקער רעגן...

איך בין אין שטאָט,
איך הייב זיך אויף מיט ערשטן פייף
פון אונדזערע פאַבריקן,
איך זאַפּ אין זיך דעם רויש
פון טלאָען און פון רעדער אפן ברוק,
דעם רויש פון טויזנטער געציייגן און מאשינעס.
נאָר איך געדענק,
אז ס'איז
די שטאָט א ריז,
א פעלדז
אין יאם פון פעלד,
און אלץ איז איצט
פארטיפט אין גרינעז,
ווו וואַקס זיך ריכטעט
אין מילדער שטילקייט
אין שוים פון ערד —
אין באַדנדיקע אָנרוישיקע מאשינעס.

כ'געדענק עס שטענדיק...
און ערגעץ טיף אין מיר
ווערט רייף די שטילקייט,
וואָס שווימט ארויף פאר שטורעם.
און ווי פון לאנג,

פון שטענדיק
איז מײַן צעשטרייטער בליק,
וואָס וואַרפט זיך אָן אַף אַלץ,
אצינד אהין, אהין, אין טיף פון האַרץ
געווענדעט,
און כ'הער ניט אוף בא זיך צו פרעגן:
ווען?
ווען קומט זי אָן, די רעגע?
די רעגע, וואָס ברענגט דאָרט אין באַוועגונג
די שווערע סוידעסדיקע קייט
פון טיפן דויערנדיקן שאַפן,
די לאַנג געגאַרטע ציטערדיקע רעגע...

פון אינדערפרי הײַנט גייט און גייט
א שטילער, א מעכײַעדיקער רעגן.

ווי גרין, ווי ברייט
די שטאָט זעט אויס פון מײַן באַלקאָן,
איז ווינציק מיר,
און ענג איז מיר אין צימער,
מיך ציט אין רעגנדיקער נעץ —
אין פײַכטע פאָרהאַנגען
אף שטאָטישע פראָנטאָנען,
וואָס לאָזן גרינג מיך דורך,
וואָס לאָזן מיך פאַרבײַ
און הערן אַלץ ניט אוף צו הענגען...

אָט פאָרט אָן א טראַמוויַי...
פאַרקערעוועט באַם ראָג...
עס העלמעוועט דער רעלס פון אונטן.
פון אויבן טרײַבט דאָס רעדעלע באַם דראָט,
און פון דער שפּיל,

וואָס „אָפּ" און „צו"
דאָרט פירן אין עלעקטרע־שטראָם,
גיט פּלוצעם זיך א שאָט
א הויפן פונקען:
רויט און בלוי און געל און פּיִאָלעט.
און איינער אזא פונק
דורך שפּיגל פון מײַן אויג
פארקלײַבט זיך ערגעץ טיף,
און ס'ווערט דאָרט פּלוצעם קלאָר,
און ס'גיט א טרײַב,
און ס'גיט א טאָרע,
און ס'גיט א גיי אין מיר
מײַן צאַרטסטער, מײַן קרעפטיקסטער מאָטאָר...

אין פולער ליכטיקײַט, אין העלקײַט
ער נעמט, ער נעמט, מײַן מעכטיקער מאָטאָר,
א שנעלקײַט נאָך א שנעלקײַט,
און איך דערזע די שטאָט
פון העכסטן דאך
ביז נידעריקסטן ציגל דאָרט אין קעלער,
און ס'דרינגט מיך דורך
דער גאַנצער גרויסער זין
פון שטאָט,
פון איר געשפּאַנטער און געפּלאַנטער ארבעט,
וואָס האָט אין זיך
א האַרץ פון יענער ברייטער וועלט,
פאר יענער העלער הייך,
פאר וועלט פון פעלד,
וואָס גרינט.
דער גאַנצער גרויסער זין
פון שטאָט,
וואָס דרינגט מיט איר געצײַג און איר געדראַנג

אין יענער דרעמלענדיקער שטילקײַט,
וואָס איז צעגאָסן רײַך
אױף לאַנגער פֿלאַך פֿון טײַך,
אױף גראָז און אױף געשטרױך,
כ׳באַגרײַף דעם גאַנצן גרױסן זין
פֿון שטאָט,
וואָס דרינגט מיט איר געצײַג און איר געדראַנג
אין נאָגנדיקער שטילקײַט,
אין שלעפֿעדיקן דאָרפֿישן געזאַנג
און טרײסלט און צעטרײסלט
דאָס אַלטע שטרױענע פֿאַרמעגן...
אַ שטילער, אַ מעכײַעדיקער רעגן...

1930

פונעם בוך

„פרייד פון נײַעם זײַן"

(1933)

* * *

ניט לאכן, ניט וויינען,
נאָר פארשטיין.
שפינאָזע

אויג אף אויג מיט דיר
איז מיר גאָרניט שווער.
זוך איך דיך און שפיר
אף מײַן יעדן קער
אף דעם ענגן שטעג
פון דער הארטער ערד,
אף דעם ברייטן וועג,
דאָרט, ווּו הימל ווערט.

*   *   *

אָט די וועלט, ווי זי איז,
מיט איר הייך, מיט איר ברייט,
אָט די וועלט, ווי זי איז,
ווי זי שטייט, ווי זי גייט,
מיט איר „פון“, מיט איר „ביז“
בין איך גרייט הײַנט אפסנײַ צו באנעמען.
און דעם גרויסן אַלצדינג
אונטער נײַעם באַדינג
געבן נײַע און ריכטיקע נעמען
און אויך זיך,
אויך מײַן אייגענעם „איך“,
גאָר אפסנײַ
אונטער אופזיכט צו נעמען.

אויך מײַן אייגענער בליק
ווארפט שוין ווירקלעכע ליכט
אונטער שטרענגער געוואָרענע ברעמען,
און מיט שארפקײַט פון הויכן געריכט
אויך מײַן אייגן געזיכט
איז ער גרייט צו באנעמען.

אווטאָפּאָרטרעט

Люди наедине с собой.

М. Горький.

וואָס איז דאָ, אייגנטלעך, פּאָרגעקומען?
כ'קאָן זיי נאָך ווידער, נאָך ווידער באקומען,
די שטילע, די קינדערש פארוווּנדערטע אויגן...

זאָלן זיי דאָרטן, די קנייטשן, זיך קלעמען —
כ'דאַרף נאָך פארהייבן די שטרענגערע ברעמען,
זיי האלטן דערוויַיטערט און רונדיק צעצויגן...

העכער און וויַיטער די קנייטשן פארטריַיבן
און אַף א רעגע נאָך קינדיש פארבליַיבן
מיט שטילע, מיט קינדערש פארוווּנדערטע אויגן...

נאָר אַף א רעגע, נאָר אַף א רעגע
וועלן נאָך בליקן ניט מאָנען, ניט פרעגן
אונטער דעם שווערן גערונצלטן שטערן...

פרילינג

א. גורשטיינען

פונוואנען קומט ער אָן,
דער פרילינגדיקער אָטעם?

ס'איז איצטער ווינציק מיר
דאָס צו געניוע וויסן,
אז ס'האָט די ערד
זיך צו דער זון
א ביסל
נעענטער געקערט.

איך ווייס נאָך ניט קיין מאָס
פאר מײַן באַנײַטער שפּירונג,
איך האָב נאָך ניט קיין וואָג
פאר שטראַלנדיקער צירונג,
וואָס
איך פאַרמאָג,
וואָס הענגט ארום די ווענט
פון מײַן געביין.
נאָר איינס איז קלאָר:

פון אלע מײַנע טונקעלע לאסטן
בין איך ריין.

נאָר איינס איז קלאָר:
איך בין באם אָנהייב ערשט
פון מײַן דערפילונג,
ס'איז אָנהייב יאָר,
ס'איז פרילינג!

פּאַשעט, אײנפאַך,
פּראָסט, געװײנלעך

זוסקינען געװידמעט

פרילינג, פרילינג!
אף קאשטאנען פרישע בליִונג.
יעדער צװײַג מיט ליכט באצירט,
קוק דאָרט אויבן,
קוק דאָ אונטער
אף דעם אל, אף דעם באזונדער,
אף דעם קלאל און אף די פּראָטים!
אלץ איז איינפאך,
אָן כידושים און אָן װוּנדער!
פּראָסט און פּאָשעט און געװײנלעך,
װי די לופט און װי דער אָטעם!

פרילינג, פרילינג!
אף קאשטאנען פרישע בליִונג,
יעדער צװײַג מיט ליכט באצירט.
איך בין הײַנט פילפאכיק מונטער,
װײַל איך װײס, װי אָט דער איינפאך,

ווײַל איך ווייס, ווי דער געווײנלעך,
און דער אַל, און דער באַזונדער
היט אַף יעדן טריט אַ וווּנדער,
און אַ יעדער פרישע ליכט
ווי אַ נעם איז קאָמפּליצירט.
איך בין הײַנט פילפאַכיק מונטער,
ווײַל מײַן ברייט צעצווײַגטער ווייסן,
ווײַל מײַן טיפע, הויכע שפּירונג
ניט פאַר מיר, פאַר מיר אַליין נאָר,
איז אַ טײַער, טײַער צירונג,
נאָר אָן אופהער האַלט אין פליסן
אָט דער ברייט צעצווײַגטער ווייסן
אין מײַן אַרבעט־לאַנד דעם גרויסן
אויך פאַר הונדערט־טויזנט־טויזנט,
און מײַן יעדער פרישער ריר
אומעטום און דאָ און דאָרטן
פריִער, שפּעטער, איצטער, מאָרגן
ווערט פילאָטעמדיק דערשפּירט...

קאָרנבלי

קאָרנבלי –– איר אוירינגלעך,
ניט קיין רינגלעך — צארטע הענגלעך,
ניט אַף אויער אופגעהאנגען,
ניט אַף סטויפּעס, ניט אַף שטאנגען.
טעג געציילטע, נעכט געשענקטע
אַף א הערל אופגעהאנגען,
אַף דעם צארטן ליַיב פון זאנגען,
קאָרנבלי מיט דופּט געדיכטן,
אָטעמען מיט דיר — הייסט דיכטן.

* * *

עלי באר! (במדבר כא, יז)[1]

כ׳ מיכאָעלסן מיט ליבע

שלאָף ניט, ברונעם,
אין דײַן וויג,
גיי אויף, ברונעם,
פון דײַן טיף!
גיב מיר, ברונעם,
פון דײַן טיף
א שטיק.

ברונעם, הער נאָר
אין דײַן וויג:
ס׳גייט מײַן עמער,
ס׳גייט מײַן שטריק.

וויג זיך, ברונעם!
נאָך א וויג!

---

1 **א ל י, ב ע י ר — גיי אויף, ברונעם! (באמידבאָר, כא, יז)**

שעפּ, מײַן עמער!
שלעפּ, מײַן שטריק!

גיי אויף, ברונעם,
פֿון דײַן טיף,
טראָפּנס רינען
טריף, טריף, טריף...

גיי אויף, ברונעם,
גיי ארויס!
טויזנט זונען
אין דײַן שויס.

און פֿון עמער
און פֿון שטריק
וועל איך נעמען
טיף א שטיק.

און פֿון עמער
און פֿון שטריק
וועל איך נעמען
ווײ מיט גליק.

פּערסיי[1]

ניט אונדזער שטאָלצער „קראַסין“,
ניט „מאַליגין“, ניט „סיביריאַקאָוו“,
ס׳איז נאָר אַ קליינינק עקספּעדיציע־שיפֿל,
דאָס דאַמפּערל „פּערסיי“.
און ניט קיין וועלט־אַנטדעקערס
אין יאָר אין דרײַסיקסטן
אױף אָט דער שיף זײַנען געשוווּמען —
מאַטראָסן אונדזערע,
סאָוועטישע געלערנטע גאָר יונגע,
מײַן ווילע שוועסטער שיפֿרע
צווישן זיי.
נאָר איך וויל, אַז אָט דער אַלטער נאָמען,
וואָס האָט אַזויפֿיל שוין גילגולים,
זאָל איצטער דורך מײַן ליד „פּערסיי“
אַ נײַעם דיכטערישן טיקן קריגן.

און אַלע, אַלע
(כ׳שטרײַך דאָ אונטער — אַלע),

---

[1] פּ ע ר ס י י — אַ מיטאָלאָגישער גאָט, אויך דער נאָמען פֿון אַ געשטערן אין צאָפֿנדיקן האַלבקײַלעך.

װאָס לײענען ייִדיש, זאָלן זיך דערװיסן,
װי ברײט עס איז פֿאַרשפּרײט
דער שטראָם פֿון װיסן
בײַ אונדז אין ראַטנלאַנד,
װוּ ס'פֿירט די קאָמוניסטישע פּאַרטײ.

נו, שטעלט זיך פֿאָר, איר װױנט אין דאָרעם,
אין אונדזער שײנעם קיִעװ,
זאָל עמעצער נאָר פּרוּװן זאָגן,
אַז די נאַטור אַרום איז אָרעם!
נאָר אויב בײַ אונדז איז דאָס דערלויבט,
אַ דיכטער זאָל פֿאַר זײַנע װערק
אַ מעגלעכקײַט פֿאַרמאָגן
אַ פֿאָר טאָן אױך אַהין צו די קאַװקאַזער בערג,
פֿאַרשטײט זיך, אַז מ'איז טיף צופֿרידן.
אין אײנמאָל אין אַ ליכטיקן סענטיאַבער־טאָג
אין קיסלאָװאָדסק
(700 מעטער העכער ים)
האָב איך געקריגן אַ ראַדיִאָ־טעלעגראַם —
פֿינף װערטער בלויז, אָט זײַנען זײ:

Привет. Мурманск. Море. Радио. Персей.

אהא! ס'איז זי, די ערשטע
פֿון דוירעס, דוירעס סטאָליאַרעס
און שטעטלדיקע ייִדן,
האָט דעם פּאָליאַרן־קרײַז
שוין דורכגעשניטן
און שװימט אַצינד אין צאָפֿן־ים,
אין לאַנד פֿון אײַז
אַרײַנגעשפּאַנט.

געבוירן אין אַ דערפֿעלע אַ קלײנס,
אין אָרעמקײַט, אין ענגשאַפֿט אױסגעװאַקסן,

א פּאַק פון שווערע זאָרגן
פון קינדהייט שוין געהאַט
אַף יונגע אַקסלען...
וואָס האָט געקאָנט דערוואַרטן
פון ענגן, האַרטן, אָפּגעצוימטן לעבן
א ייִדיש מיידעלע אַזוינס?
אין נעבעכדיקער דאָרפשול אָנגעקומען,
געגעסן קעסט באַם קאַפּצעדריילע קוואַשע
(אינײנעם מיט זיין זון מיט טיכאָנען געלערנט).
און ווייטער וווּ?
וווּהין אַהינטאָן זיך?

נאָר ס'זיינען יאָרן ברוייזיקע געקומען,
און זי איז אויך אַרויס
צו „רויבן”, צו באַקומען
פון אַלץ, וואָס איז באַ איר,
באַ פּיל אַזעלכע, ווי זי, געווען אַוועקגענומען.
אין קיִעוו, אין ייִדישן פּעדטעכניקום,
דערנאָך אין מאָסקווע, אין ראַבפּאַק[1],
דער ערשטער מ.ג.או.[2] — פּיזמאַט,
און בייגעווען און מיטגעהאָלפן
דער גרינדונג פון א נייעם אינסטיטוט.
(אין צענדליקער און הונדערטער
געוואַקסן זיינען אינסטיטוטן,
פאַר טויזנטער, פאַר הונדערט טויזנטער
סטודענטן נייע, יאַטן ווילע,
לערנער גוטע און געטרייע בירגער
פון ראַטנלאַנד פון גרויסן...).

[1] ראַבפּאַק (ארבפּאַק) — אַרבעטער־פּאַקולטעט.
[2] מ. ג. או. — מאָסקווער מעלוכישער אוניווערסיטעט.

א ביסל ווײסן אָנגעקליבן
און ווײַטער בא דעם אינסטיטוט געבליבן.
און אָט אזוי,
פֿון אינסטיטוט פֿון געאָפיזישן געשיקט,
איצט שווימט מײַן שוועסטער שיפֿרע
אױף דעם דאמפּערל „פּערסיי"
אין צאָפּן־יאם, אין לאנד פֿון אײַז,
און פֿאָרשט די הייכן דאָרט
און פֿאָרשט די טיפֿן.

* * *

זאכן ליגן, זאכן הענגען,
שוועבן זאכענישן מעננגען...

כ׳שווים ארום א טאָג א גאנצן
אין דעם יאם פון קלייניקייַטן,
מיַינע בליקן זיך צעשפרייטן,
זאכן שפרינגען, זאכן טאנצן,
שטויסן אָן זיך איינס אָן צווייטן,
כוואליעס זאכענישן גלאנצן...

פול מיט צאפּל, פול מיט רירן,
כוואליעס טאנצן, שעמערירן...

פון דעם יאם פון קלייניקייַטן,
פון דעם שוים פון קליינע גלאנצן
ציט ארוים מיַין נעץ מיַין ברייטע
איינעם א געדאנק א גאנצן.
ציט פאמעלעך, גאָר אנטשיידן,
ציט און ציט א טאָג א גאנצן.

פון דעם יאם פון קלייניקייַטן
איינעם א געדאנק א גאנצן,

וואָס פאַרהיט אין די געהירן
אַלדאָס שוועבן, אַלדאָס רירן,
אַלדאָס שפּרינגען, אַלדאָס טאַנצן,
אַלדאָס זײַן און אַלדאָס גלאַנצן...

פונעם בוך

„לידער“

(1935)

* * *

א ווײַטער דאך־פּענצטער פֿארכאפּט האָט אױף זײַן גלאט
א שטיקל זונען־בראנד, וואָס זינקט און זינקט.
ס'איז טיף אין הארבסט. דער לעצטער בלעטער־פּאל.
איך שטיי ווי אױף דער וואך,
און ס'ווארט מײַן בליק,
ביז ס'וועט די צינונג־קראפּט פון ערד
זיך נאָכאמאָל באמיִען
פון פּיַיכטער צווייַג
א געלע בלאט אראָפּצוציִען.

קאָמפּאַס

ס'איז נאַכט.
און שטערן אָן און אָן עק און אָן א ברעג...
און פול מיט סאָד איז אַלץ, וואָס איז באַוווּסט און איז באַקאַנט.
אין רונדן שאַכטל אויף מײַן בלייכער האַנט
א פּאַסיקל אָן אײַזערנס — מאַגניט —
אַלץ ציטערט אויף א שטיפטל אין זײַן מיט,
פון אונטער דעק פון גלאָז
אַהין, אַהין צום צאָפן־שטערן ציט...
פאַרוואָס? פאַרוואָס?..

מײַן הונט

פֿון װעג — פֿאַרשװאַרצט, פֿון זוכן — דול,
אינמיטן שליאַך איז ער געלאָפֿן.
אין ייִעש אײַנגעשפּאַנט, װי אין אַ שװערן אָל,
װען אים אַנטקעגן האָט מײַן האַרץ ייִנגלש זיך געטראָפֿן
און ס׳האָט אַ „ניא" אַ װאָרף געטאָן מײַן קינדערש קאָל.

אַ ראַבער איז ער, אויף געלן — װײַסע פֿליאַמען,
אַ פּאָר געטרײַע אויגן, פֿול מיט טיפֿער שײַן,
און אַז ער האָט די אויגן אופֿגעהויבן אויף מײַן מאַמען,
האָט זי אַ מאַך געטאָן: „נו, זאָל ער זײַן!"

. . . .

פֿון זײַן פֿאַרגאַנגענהײַט האָב איך געװוּסט צװײ זאַכן:
ער האָט געהאַט אַ באַלעבאָס, געשפּירט זײַן יעדן ריר.
אַ נאָמען האָט מען אים געגעבן, װער װייסט װען...
נאָר איצט מײַן ייִנגלש האַרץ איז זײַנס געװען.

און ער האָט זיך גענומען װאַכן
אויף מײַנע טריט דורך שפּאַלט פֿון אונדזער טיר...
און איך האָב ניט געפֿונען אים, דעם אַלטן נאָמען זײַנעם,
פֿון צװישן נעמען, װאָס טראָגן בײַ אונדז הינט,
און אונטער גאָר אַ נײַעם נאָמען, גאָר אײַנגאַנצן מײַנעם,

האָט ער מײַן יִינגלשן ארום שוין טרײַ געדינט.
און איך בין יונג — די גאַנצע װעלט איז מײַנע —
און האָב אַ הונט אַ גוטן אױך דערצו,
און יעדער יאָר אַליין שטאַרקער, פלינקער װערן מײַנע פיס
און שװאַכער װערן זײַנע,
ער דרייט זיך אָפּט אַרוים פֿון איבעריקע געננ
און זוכט זיך שוין אַ ביסל רו...
ס׳איז פרילינג שוין געװען, און װאַרעמע פאַרטאָגן
די שװאַרצע פעלדער האָבן מילד באַטױט...
צום גראָבן לעבן שטעלכל האָט ער שטום פאַרטראָגן
די לעצטע אַנגסטן פֿון זײַן שטילן טױט.

ס׳איז װידער פרילינג,
די רינשטאָקן שוין זײַנען דורכגעשליפן
מיט ערשטע װאַסערן...
פֿון טאָפּאָל לעבן גרױער װאַנט
געדיכטע טראָפּנס טריפן, טריפן.
װער בלאָנדזשעט דאָרט אױף פעלדער פרײַע,
װער האָט מיך דאָרט דערמאָנט,
װאָס שײַן פֿון אױגן הינטישע געטרײַע
האָט פּלוצעם אױפגעפלאַמט
אין מײַן אַ ליד.

פונעם בוך

„געקליבענע ווערק"

(1937)

פאר אלע

כ'האָב ליב דאָס מענטשלעכע געזיכט
אין אָנשטרענג און אין שמייכל.
זאָל זײַן, אז ניט צו מיר
געווענדעט איז די ליכט —
איך ווייס, זי וועט צו מיר דערגרייכן.

כ'האָב ליב די שמייכלענדיקע פרייד.
זאָל זײַן, ניט איך בין שולדיק:
די פרייד צו מיר דערגייט,
מײַן ענטפער איז איר גרייט,
און שטענדיק כ'ווארט אף איר געדולדיק.

איך ווייס גענוי פון פרייד די פּרײַז,
אז מי און לייד און ווייטעק —
א דרײַלינג — פריִער שפּרײַזט,
אז פאר דעם צארטן גײַסט
דער שטאָף אפריִער גייט, דער נייטיק...

איך ווייס דאָס אלץ, נאָר כ׳ווער ניט מיד,
איך שפּיר די פרייד פון אלע:
דאָס איינצלנע געמיט
אין פלײַס, אין אָנשטרענג בליט
און גרייט די פרייד פאר זיך, פאר אלע.

1936

אונדזער גאָרקי

פון קינדוויַיז אָן געליטן שווער, געזוכט, געשפּאַנט
אין אַלע ווינקעלעך פון גרויסן גרויען לאַנד,
געזען אַזויפיל קנעכטשאַפט און אַזויפיל ווייטעק,
און אויסגעהערט אַזויפיל קרעכצן און געוויין...
און שטאָלץ האָסטו געפרעגט: ווער זאָגט עס, אַז ס'איז נייטיק?
און האָסט פּראַקטיש אויסגעשריגן: ניין און ניין!

פון יוגנט נאָך האָט לעניןָ דיר דערלאַנגט די האַנט,
פון יוגנט נאָך האָסטו אין קאַמף זיך איַינגעשפּאַנט
און טרייַ געבליבן לענינס ליכטיקע געבאָטן,
פונוויַיטן נאָך האָסטו דערזען די גרויסע שאָ
און יעדער צווייפל אָפּגעוואָרפן און צעטראָטן,
דער גאַנצער וועלט געמאָלדן מוטיק: יאָ און יאָ!

די שייַן פון בליקן דייַנע זיכער לויכט אונדז הייַנט
און רופט און וואָרעמט פרייַנט און שלאָגט און שמעטערט פייַנט.
דייַן נאָמען טראָגן גאַסן, ביסט אַ שטאָט, אַ קאַנט,
ביסט אונדזער הייסע ליבע צו דעם פאָטערלאַנד.

1937

פֿאַרבן

װיפֿל פֿאַרבן האַלט באַהאַלטן
אָט דער גרויער פּרישער דרויסן
אין די קאַרבן, אין די פֿאַלדן,
אין די צעלן, אין די שויסן.

זעט איר ניט דעם הויך דעם ראָזן,
װאָס אױף קנאָספּן ליגט צעשאָטן,
גרינע, שפּיזלדיקע גראָזן,
װאָס צעשפּאַלטן שוין דעם באָדן?

װיפֿל זעלטענע קאָלירן,
װיפֿל שפּיל איז שוין פֿאַרבאָרגן
אױף די אָװנטיקע טירן,
אױף דעם טויער פֿון פֿרימאָרגן.

און אין גרונט פֿון פֿאַרבן אַלע
אױף באַפֿרײַטע װײַטע רוימען
לײגט זיך ברײט דער קלאָרער בוימל
אױף דעם גאָלד פֿון ערשטע שטראַלן.

און דאָס אַלץ איז נאָך פֿאַרבאָרגן
אין די גרויע פּיִאָלעטן,
וואָס דאָס אויג ניט קאָנען זעטן,
נאָר דאָס האַרץ שוין צווינגען נאָגן.

1937

פונעם בוך

„אין אונדזערע טעג“

(1939)

טוי

די זון איז אין טראָפּן וואסער.
(פאָלקס־אויסדרוק)

אָט איז זי, די ליכטיקע רעגע,
די רעגע פון דיכטונג, פון דענקען,
וועןביידע זיי דארפן ניט פרעגן,
ווען ביידע נאָר ענטפערס זיך שענקען.

זיי ביידע — דאָס הארץ און דער זינען —
אין איינקלאנג זיי זײַנען, צוזאמען,
ווי אָט אָ־די טראָפּנס — רובינען,
ווי זוניקע ברעקעלעך פלאמען.

ווי אָט אָ־דער טוי — די רובינען,
ווי זוניקע ברעקעלעך פלאַמען,
ווען טראָפּנס זיך קאָנען פאַרגינען:
און וואַסער און פײַער — צוזאַמען.

ווען טראָפּנס זיך קאָנען פאַרגינען
און קײַלעכיק זײַנען, ווי יאַמען,
ווען ביידע — דאָס האַרץ און דער זינען —
אין איינקלאַנג זיי זײַנען, צוזאַמען.

פארוואנדלונג

נעם איך און פארמאך די אויגן
און דערזע א גאנצע וועלט,
ניט געשטויגן, ניט געפלויגן,
וואָס געווען און וואָס נאָך פעלט.

ס'איז די וועלט פאר מיר צעעפנט,
און מײַן זען האָט גאָר קיין שיר,
נאָר... איך קאָן אליין ניט טרעפן
צו מײַן גוט באקאנטער טיר...

טוט א פיק אמאָל אין מויעך:
ווייסט, דײַן ריִע טונקלער ווערט,
און פון פאָרשטעלונג דער קויעך
ווערט א ביסל אָן זײַן ווערט.

ווײַל כ'האָב ליב די וועלט באפאלן —
איך באגרײַף און איך באנעם
מיט די פינעף כושים אלע,
מיט דעם שפּיגל אונטער ברעם.

טראָגן ברילן פרײַנט שוין ראָטן,
ס'האָט בא מיר ניט קיין באטרעף,

ס׳איז ניט מער ווי אָט דער שאָטן,
וואָס מאכט בוילעט דעם רעליעף.

כ׳וועל די טונקלקייַט פארטרייַבן
מיט דער העלקייַט פון מייַן ליד,
און א מונטערער וועט בלייַבן
פולער גאנג פון מייַן געמיט.

ס׳ווערט אינגאנצן ניט אנטרונען,
וואָס מיט ווערטער זיך באקליידט,
ס׳וועט זיך ווידער נאָך געפינען,
וואָס מיט לידער ווערט באגלייט.

* * *

אוי, א פיקסעלע א ווײַס,
אוי, א הינטעלע אף שנייען,
איך דערמאָן איבעראַנײַס
דאָס געזאנג פון אלטע ווייען.
כ׳בין דער וואנדערער געווען,
געווען אָט דער, וואָס ווערט געיאָגט,
ווען באפרײַ איך זיך שוין, ווען,
ווען באפרײַ איך זיך פון פלאָג!
דאָרטן, דאָרטן ערגעץ ווײַט,
דאָרטן אין פארגאנגענהײַט,
איבער ווײַטן שוידער לויערט
דאָס געזאנג פון אלטן טרויער.

* * *

מײַנע פֿרײַנט אין גלויבן
און אין פֿילן

רויש פֿון טאָג װערט שטילער,
שטיל דאָרט קלינגען שטערן.
כ'האָב אין װעלט נאָך קײנעם,
כ'האָב אַ װוּנטש נאָר אײנעם,
איר זאָלט דאָרט דערפֿילן
און, װי איך, זאָלט הערן:
רויש פֿון טאָג װערט שטילער,
שטיל שױן קלינגען שטערן,
און מײַן בליק פֿאַרהילן
פֿרישע זיסע טרערן.

* * *

אײַך, מײַנע אורייניקלעך ווײַטע,
באַזיצער מעכטיקע פון וועלטן שוין באַנײַטע,
מײַן צאַרטער רוף פון שוועל פון שוועבנדיקן אָוונט!..
ס'איז איצט מיר אײַער פּראַכט, ס'איז אײַער שײַן מיר נאָענט,
א גרוס אײַך, ברידער־מענטשן! מײַן פרייד איז מיר א צייכן,
אַז מײַן גרוס וועט אײַער צײַט דערגרייכן!..

איך וויל דערציילן אײַך א מײַסעלע א פּיצלינג,
וואָס האָט אין האַרץ בא מיר א דונער־ווידערקאָל אַרויסגערופן
פלוצלינג,
וואָס האָט מיט בליץ פון פרייד פון אַלע מענטשן־לאַסטן מיך
געלײַטערט,
און אַף די אויגנבליקן אין אײַער צײַט מיך ווײַט פאַרשלײַדערט.
היי, הערט נאָר, הערט — אין וועלכן אָרט מײַן פרייד כ'האָב
אופגעהויבן,
אין שײַן פון וועלכן טאָג האָב איך די פּערל גליק געקליבן.
באַם דניעפּ, אין קיִעוו איז מײַן געשיכטעלע געשען
אין יאָר... נאָר ווי זאָל איך דאָס יאָר באַצייכענען?
ווי זאָל איך ווײַזן אײַך דעם ווײַטן וועג,
פון וואָסער אָנהייב זאָל איך די מינוטן רעכענען,
פון וועלט־באַשאַפן האָט מײַן פאָטער שטיל די צײַט געציילט —

דרײַ הונדערט דרײַ און צוואַנציק יאָר צום זעקסטן טויזנט האָט
אים נאָך געפעלט.

אָט איז עס, דאָס געשיכטעלע דאָס קליינס:
דערציילן עס איז אַ פּאָר שורעס אויך ניט ווייניק,
אַ גאַנץ געוויינלעך פייגעלע האָט זיך אין שטיב פון גאַס געבאָדן,
און ס'האָט די זון שוין באַם פאַרגיין איעדער
שטויבעלע מיט גאָלד באַלאָדן...
און אָט דאָס ברעקעלע געשעעניש האָט מיך אַזוי דערשיטערט,
מײַן וועזן האָט ביז טיפסטע גרונטן אופגעציטערט,
און אָט, איך ווייס אליין ניט, ניט פאַר וואָס און ניט פאַר ווען,
האָב איך אין אָט דעם אויגנבליק דערפילט, דערזען
מיט יעדע אויגן און מיט יעדן פאָדעם פון מײַן האַרצן
דעם פּאַס פון פּײַן, דעם פּאַס פון ווײ פון שוואַרצן
און באַלד נאָך אים, פון אים אַרויסגעשטראַלט, אַרויסגעלויכטן, —
דעם פּאַס פון שײַן, פון פײַער אומגעהייערן —
אַ פּאַס פון פריידן, וואָס שטײַגט אויף פון טרויערן,
וואָס פלאַמט מיט צונטער און אין בלויען ברענט און העלט,
אַ זײַל פון שײַן, ווי פײַערדיקע טויערן
אין דער באַנײַטער, אופגעריכטער מענטשן־וועלט.

*   *   *

איך ווייס פון שוידערלעכן גליק!..
איך האָב א נאכט — א וועלט געבענקט,
ביז ס'האָט די זון א בליק געשענקט,
א העלן בליק...
איר שטראלנדע, גינגאָלדענע רוט
האָט זי מיט כעסעד אויסגעשטרעקט
און מיט א ריר אין מיר דערוועקט
מײַן גרויסן מוט...

1919

האַרץ מײַנס

האַרץ מײַנס, צעפּלעט —
ס'איז קײן שולד!
וואַרט אַ קאַפּל,
האָב געדולד!

פּילבאַר איז דײַן
יעדע צעל,
נאָר זי מוז זײַן
קלאָר און העל.

ליגסט אין ברוסט דאָך,
האָסט אַ שייד,
פֿילן מוזסטו
שטילערהייט.

ווען דיך וועקן
ווײס נאָר איך,
דיך אַנטפּלעקן
פֿלינק און גיך.

דיך אַנטבלויזן
אין געפּעכט,

דו זאָלסט ברויזן
מיט געדעכץ.

דו זאָלסט בליצן,
ווי אַ שווערד,
זאָלסט פֿאַרקריצן
מענטשן־רעכט.

1939

* * *

אָשער שוואַרצמאַנען

היימלאַנד, היימלאַנד גרינע,
ליכטיקע מעדינע!
היימלאַנד, היימלאַנד בלויע,
יונגע קויכעס רויע!

דאָ אױף דײַנע װעגן
מילד און רײַך געבלוטיקט,
בלוט האָט ניט אַנטמוטיקט,
בלוט מיר הייסט דערוועגן.

דאָ אױף דײַנע שליאַכן
טרײַ דעם אָל געטראָגן —
כ׳מעג מיט אַלע גלײַך דאָ
היים און האָב פאַרמאָגן!..

18—308

ס'וועט זײַן א טאָג

אָשער שוואַרצמאַנען

נו, זאָג זשע מיר, מײַן פרײַנט, נו, זאָג.
אין וואָס באַשטייט מײַן גאַנצע מי און מײַן באַרוף,
אין וואָס איז זי, מײַן גאַנצע ווערט,
אין ליכטיקער, אין גרינער לופט,
אויף שוואַרצער, שווערער ערד,
אויב ניט אין דעם, אויב ניט דערין,
וואָס כ'קאָן אַזוי אינמיטן טאָג,
וואָס כ'קאָן אַזוי פון העלער הויט
א טרײַב טאָן אים, דעם שטויב פון זין,
א וויש טאָן זי, די פײַכטע קויט,
און אָט אַזוי אים מאַכן גרינג,
דעם שווערן לעבנס־רינג,
און אָט אַזוי זי מאַכן קלאָר,
די טונקלע שויב,
די שויב פון וואָר.
און אָט אַזוי אָט דאָ דערבײַ
זי טאָן א פּראַל,
די טיר פון זײַן,
און פראַנק־און־פרײַ

דאָ טאָן א זאָג:
ס׳וועט זײַן א טאָג,
א טאָג וועט זײַן!
ס׳וועט זײַן א טאָג...
ס׳איז אונדז באַשערט...
זײַן אָנהייב איז אין אונדז!

אין אונדז אליין
זײַן ווײַטער וועג,
זײַן ברייטער פֿליין —
ער גייט פון אונדז.

זײַן גרויסע ווערט —
פון אונדזער קליינס,
פון אונדזער מינץ...

ס׳וועט זײַן א טאָג,
און אונדזער ערד, ווי דימענט שוין געשליפֿן,
פון מענטשן־מי, פון מענטשנס טיף־באַזינטער ארבעט,
וועט טראָגן זיך אנטקעגן וועלטן־מענגען.
און פרייד וועט אונדזער ערד
אין יעדער קאנט, אין יעדער קארב
פאר ליכט, פאר שײַן
דער זון אנטקעגן ברענגען.

פון יעדער טראָפּן לייד,
פון לאסט פון איצט
א שטראל דאָרט גייט,
א גלאַנץ דאָרט בליצט:
פון אונדזער האס,
פון אונדזער קלאָג —
א שטרײַף פון פרייד.

ס׳וועט זײַן א טאָג,
א טאָג וועט זײַן!

זוימען

מה נאה אילן זה[1]
(אָבות, ג, ז)

עס גלייבט זיך קוים:
אין גאנג, אין וועג האָט מען פארבאָטן
צו זאָגן מיט באַוווּנדערונג:
„ווי שיין איז אָט דער בוים!"
כ'האָב פיל אַזעלכע פארבאָטן
מיט יונגער פוס מײַנער צעטראָטן,
און ביימער פיל איך שטענדיק,
ווי גוטע פרײַנט אױף יעדן טראָט
(ווי כ'וואָלט פון דעם פארבאָט
גאָר קיינמאָל ניט געהערט):
אין פארקן אָפּגעהיטע,
אין רייען שיטערע,
באַם ראַנד פון וועג,
אין ווילדן וואַלד —
אױף יעדער ברייט פון אונדזער ערד...

---

[1] **ווי שיין איז אָט דער בוים.**

וואלד!
כ'האָב ליב דאָס וווּנדערלעכע,
איינציַיטיק דאָס געוויינלעכע בא אונדז,
וואָס טראָגט דעם פּאָשעטן און גוטן נאָמען
וואלד.

איך האָב אים ליב, ער איז מיר ליב
אין פראָסט, אין היץ, אין רעגן,
אין שיַין פון טאָג, אין פינצטערניש פון נאכט.
ער איז די היים פון קינדער־יאָרן מיַינע,
ער איז דער גורל פון יאָרן בירגערקריג.
דער סוינע איז פון יִשעוו שוין אוועק
און האָט ציַיטוויַיליקע רו אין וואלד געפונען
און דאָרט געוואָרפן שרעק אף דאָרף, אף וועגן,
פון דאָרט פארניכטונג און צעשטערונג אָנגעשיקט...
פון יענע יאָרן בין איך שוין פון וואלד דערוויַיטערט,
איצט בין איך ווידער אין זיַין שוים,
אין מיט פון וואלד שטייט אונדזער אָפּרו־הויז,
און ביימער ווינקען מיר און רופן מיך גאנצפרי
א טוק טאָן זיך אין וואלדיקן, אין שטילן הי.

וואלד!
איך קאָן עס, דאָס רוישנדיקע פאָלק,
איך קאָן באם נאָמען זיי,
די פולע גלידער זיַינע,
די אָרטיקע, די היגע,
די איַינגעבירגערטע
שוין אונדזעריקע געסט
פון וויַיט געבראכטע,
און יעדער בוים
האָב איך שוין אָפּגעגעבן אכטונג.

ביימער, געוויקסן,
איידעם פון מײַן וווּקס,
ווי לופטיק איז דער וואַלד,
און יעדער אָטעם מײַנער
לײַטערט דורך מײַן וועזן
פון אַלדעם שטויב.
כ'האָב ליב דעם ריינעם שטאַם,
כ'האָב ליב באַזינטע מישונגען פון שטאַמען,
כ'האָב ליב די צווײַגן און די בלעטער,
כ'בין שטענדיק גרייט באַטראַכטן
אי זייער רײַכקײַט, אי פאַרשיידנאַרטיקײַט,
און קיינמאָל ווערט מײַן נײַגער ניט געזעטיקט.

אָט זעט, אָט זעט, אָט הערט, אָט הערט,
וואָס פאַר א ענדערונג דאָ ווערט
אויף אונדזער זומערדיקער ערד!

פון ערשטן פרילינגדיקן רויך,
וואָס שטײַגט צו דער פאַרבלויטער הייך,
ווערט הײַנט א לעבעדיקער קויעך!

ס'איז יעדער רעגע א געווינס,
פון קנאָספּן און פון בלעטער גרינס
די צוקונפט נעמט הײַנט רײַכן צינז.

פון שטויב, פון וואַסער און פון לופט,
פון ווילדן וווּקס, פון מענטשן־צוכט
ווערט אומעטום שוין זוים און פרוכט.

איך מיין, מיר ווײַזט זיך אויס, מיר דוכט,
ניט אַלעמען איז קלאָר, וואָס איז דאָס פרוכט,
און פיל פאַרשטייען קוים,

וואָס איז דאָס זוים.
איר זעט אן עפּל פול מיט זאפט,
איר קוקט אף זײַנע פולע באקן,
איר זײַט פארגאפט,
איר שנײַדט אים אוף,
איר שנײַדט גלײַכגילטיק אוים
פון שוים זײַן הארץ
און ווארפט ארוים
די רײַפע יאָדערלעך,
דאָס ביסל הארטס.

* * *

דער ערשטער בויגן פון רעגן
אפן הימל שטייט פארקלערט,
עס האָט זיך אים איינגעגעבן
באהעפטן הימל מיט ערד.

נאָר אויך א רעגנבויגן
איז צופיל קלערן פארווערט,
איין ראנד איז זיך צעפלויגן
און אָפגעלאָזט די ערד.

און ס׳האָט דעם צייכן פון פרידן
מײַן אויג אפניך פארשוועכט:
ער איז פון הימל געשטיגן —
א קרומע שארפע שווערד.

פינעם בוד

„לידער און פּאַעמעס"

(1939)

באם בארג פּארנאס

אוי, פון יענע קליינע שטעטלעך
ניט געוועזן איז דאָ נאָך קיינער,
כ'האָב זיך אויסגעריסן איינער
און געקומען... אוי, שוין שפּעטלעך!

ניט גערופן, ניט געלאדן,
וועל איך גאנצע הויפנס שעפּן
פון די בערג און פון די סטעפּעס,
פון דעם הימל פון עלאדע.

כ׳בין געקומען אף א רעגע,
ניט געשיקט און ניט געלאדן...
נאָר וואָס קען עס דאָרטן שאטן —
זאָגט איר אלע, כ׳וועל אײַך פרעגן.

ווערט דען דאָרט די ענגשאפט ענגער,
אויב ס׳וועט איינער אויך אנטרינען,
איך וועל אלץ אהינצו ברענגען,
וואָס איך וועל זיך דאָ פארגינען.

איך וועל גאָרניט ניט פארשווענדן,
כ׳וועל מײַן צײַט דאָ ניט פארטרײַבן
ניט בא פעלקער, ניט בא לענדער,
אלץ בא מיר פארהיט וועט בלײַבן.

ניט גערופן, ניט געלאדן,
וועל איך גאנצע הויפנס שעפן
פון די בערג און פון די סטעפעס,
פון דעם הימל פון עלאדע.

1922

באַם קאַסטאַליער קוואַל

כ'האָב אָפּגעוווישט דאָס מויל, און אַ געשריי „אַ דאַנק!"
האָט אָפּגעהילכט פֿיל מאָל
אין ווײַטן גרינעם טאָל...

דו רײַך און פֿיל באַזונגענער קאַסטאַליער קוואַל,
ס'איז מײַן אַ הייסער דאַנק, ס'איז מײַן אַ הויכער שאַל
פֿאַר קוועלנדיקן, קלאָרן, לויטערן געטראַנק,
וואָס ברענגט באַגײַסטערונג און ברענגט און שענקט געזאַנג!

אַ דאַנק! אַ דאַנק!

1922

ערשטער שניי

אינדערפרי געוועזן א ווינט,
האָט געראַמט און האָט געקערט —
איז געוואָרן האַרט די ערד...

ס'האָט געדרייט א גאַנצן טאָג,
ס'האָבן וואָלקנס זיך צעשפּרייט
און די זון אהיים באַגלייט...

איז צו נאַכט געוואָרן שטיל.
ס'האָט די וועלט דערהערט א נײַס,
גאָר א שטילס און גאָר א ווײַס.

ס'גייט זיך שטיל דער ערשטער שניי,
זוכט א וועג און שיט און שיט
דאָ און דאָרט און אין דער מיט.

שלאָף זשע, שלאָף זשע, שלאָף, מײַן קינד!
ס'איז אף מאָרגן שוין באַשטעלט
גאָר א נײַע קלאָרע וועלט!..

פאַרטאָג

ווען אַלע שלאָפן, גוט איז וואך צו זײַן,
דאָרט נאָענט וואכן אַרבעטער און ברידער,
דאָרט נאָענט דרייען זיך דאָך פלינקע רעדער.
מיט מיר צוזאַמען וואכט עלעקטרע־שײַן.

ווען אַלע שלאָפן, גוט איז וואך צו זײַן,
דאָרט העכער וואכן שטענדיק שטערן־וועלטן,
ס׳איז גוט צו זייער הייך אַמאָל זיך ווענדן,
צו זייער ווײַטער הימלדיקער שײַן.

דערוואכן אַלע — גוט איז וואך צו זײַן,
דער ערשטער פריִע שטילע טריט דערהערן,
דערזען, ווי ס׳בייגן זיך די הויכע שטערן
און זיך פאַרלעשן פאַר דער זונען־שײַן.

פונעם בוך

„איך גלייב“

(1944)

* * *

Счастлив, кто посетил сей мир
В его минуты роковые.

Ф. Тютчев.

אָ, וועלט דו מײַנע, וועלט דו מײַן,
מײַן זײַן וועט קיינער ניט צעשטערן,
ווײַל אויך דאָס קלוימערשטיק ניט ווערן
וועט אויך באַשטעטיקן מײַן זײַן.

נאָר דער אָן אופהער איז פאַרוועבט
אין אייביק שאַפנדיקע קרעפטן,
ווער ס'קאָן מיט זעלבסטאָפּפער זיך העפטן
מיט דעם, וואָס, צערנדיק, באַלעבט.

* * *

יאָ, איך בין גרויס דערמיט,
וואָס איך געהער
צום פאָלק, וואָס ווערט ניט מיד
און בויט
און גלייבט,
קעדיי אומשטערבלעך זײַן,
ניט אומבאדינגט איז
זײַן שוין טויט!
איין דאָר אין אָפּגרונט זינקט,
איין אויסבראָך נאָך דעם צווייטן גייט,
און ווידער ווערט
צעזייט,
צעשפּרייט,
צעשטויבט,
וואָס שוין אינײנעם איז געווען —
און דאָך מײַן פאָלק נאָך גלייבט,
אַז אויב
באַשערט
איז בײַזײַן אומעטום,
צי הייסט עס דען
אין ערגעץ ניט?

19*

יאָ, איך בין גרויס
נאָך מער, נאָך מער דערמיט,
וואָס איך געהער
צו די,
וואָס זיי איז אויסגעפאלן דער באשער
זיך הארטעווען און שטאָלן זיך
אין קאמף, אין שטאָלצער מי,
איך בין א ייִד
פון נייעם שניט.

אזויפיל ערגעצן האָב איך געזען ביז הער,
נאָר כ׳האָב אין זיך שוין מוט,
נאָר כ׳בין באוואָפנט מיט געווער,
וואָס גיט מיר קויעך
דורך רויך,
דורך בלוט
די ווייט פון צייט דערזען
אין קלאָרער העלער שיין,
אין שיין, וואָס איצט
נאָר פונקענווייז ערשט גליט.
און איך בין גרויס דערמיט,
וואָס איך געהער
צו די,
וואָס לעבן מיט דעם פלאמיקן באגער
פון אלע ערגעצן,
וואָס כ׳האָב געזען ביז הער,
אין העלער שיין דערזען
דעם גרויסן הי,
מיין גרויסע היים —
פססר!

זומער 1940

1

עס גייען זומערדיקע העלע, העלע טעג,
עס ליגט ארום, א גרינע, יונגע וועלט,
און דאָך יאָגט אָפּט זיך אָן א ווינט
מיט פיַין אומענטשלעכער, מיט שווידערלעכער קעלט.

עס קערן וועלטן זיך אין סאמע מיט פון וועלט,
און יאָרן מי פארשווינדן אין איין אויגנבליק,
אין טהאָם פון האס א מענטשן־קאָפּ דאָרט זינקט און שעלט
די רעגע, ווען ס'איז אופגעקומען שטריַיט און קריג.

נאָר לעבן לייקנט אין פארניכטונג און אין טויט —
ווער זאָגט עס, אז פאראן איז ערגעץ טויט און שרעק!
עס גייען זומערדיקע העלע, העלע טעג,
די באקן פונעם לעבן זיַינען שטענדיק, שטענדיק רויט.

2

די באקן פונעם לעבן זיַינען שטענדיק רויט,
געשמאק זיי קיַיעןביידע דאָס טאָגטעגלעכע ברויט,

און קינדער וואקסן שנעל אין הייסער שטורעם־צײַט:
אין אײַלעניש קומט פֿאַר דער פֿעסטער דורעם־בײַט.

און ווײַל איז דעם, וואָס אַלץ אַט דאָ ביז גרונט פֿאַרשטייט,
וואָס זעט זי קלאָר, די וועלט, וואָס קיינמאָל, קיינמאָל שטייט,
און יעדער רעגע איז צו ענדערונגען גרייט.

3

פֿויסטן פֿולוועך רײַסן פֿעסטע מויערן,
טראָפּנס פֿרייד פֿאַרזיסן טיפֿע טרויערן,
ס'ווייען ווינטן שטרענגע, קאַלטע, האַרבסטיקע,
דאָך דערגייען שטענדיק ווערטער האַרציקע.

כ'זע אײַך אַלע, אַלע די אומשולדיקע,
כ'וויל אײַך זען פֿאַרשטאַנדיקע, געדולדיקע,
כ'וויל אײַך זען פֿאַרוואָרצלטע און זיכערע,
פֿרייד זאָל אָנקומען מיט טריט מיט גיכערע.

4

כ'געדענק אים, דעם שטורמישן רעגן אין שטעטל...
דורך נעפּל פֿון יאָרן איז קלאָר אַלץ געבליבן.
כ'זע: שטראָמען די באָרוועסע פּיסלעך אונדז גלעטן,
מיר האָבן אין זעמדלעך זיך שפּילצײַג געקליבן...

און פּלוצעם: ...וואָס זע איך! ס'איז זילבער! א געלטל!
און כ'הייב עס געשווינד, און איך שרײַ, ווי איך קאָן נאָר:
„אָט האָב איך געפֿונען!..” פֿון קינדערשן וועלטל
ביז איצט נאָך ער קלאָגט זיך, מײַן קינדערשער „האָנאָר”.

פון ערשטן געפינס, פון דער גאָב פון די שטראָמען
איז מיר נאָר באַשערט געווען לייד צו געניסן.
א ייִנגל א גרעסערס (כ׳פארשוויַיג איצט זיַין נאָמען)
מיט גוואלד האָט בא מיר אים ארויסגעריסן.

אינייינעם מיט קעלישקעלעך פון דעם רעגן
האָב איך פארגעדענקט אויך די אייגענע טרערן,
כאָטש אָפט כ׳האָב געייצעט: ניט מאָנען, נאָר פרעגן,
נאָר דאָך כ׳האָב פארשטאנען די ווערט פון זיך ווערן.

און איינס האָב איך דענסטמאָל ביז גרונט שוין פארשטאנען:
דאָס שוואכסטע געוועזר זיַינען קינדערשע טרערן.
פון יענעם־אָ טאָג, אָט פון דענסטמאָל, פונדאנען
ער שטאמט, מיַין פארשטאנד, פון די שארפסטע געווערן.

פון יענעם־אָ טאָג און פון יענעם־אָ רעגן
כ׳שפּיר נאָך אומעטום נאָך געציַיג און נאָך וואָפן,
נאָך שטעכלקעס דינע, נאָך ציַיג און נאָך נעגל,
נאָך פויסטן, נאָך ביַיטשן, וואָס שלאָגן און שטראָפן.

איך וויים, ווי עס ווערן זיך צארטע געוויקסן,
ווי ס׳ווערן זיך מילבן, כ׳קאָן שווערדן פון ריזן,
כ׳קאָן אוראלטע שפּיזן און מעכטיקע ביקסן,
וואָס הייסן קאנאָנען און וועלטן באַשיסן.

און פונקט ווי מיך ציִען די וועלטן פון דיכטונג,
מיך ציט זי אָן אופהער, די וועלט פון מאשינען,
וואָס האָבן איין אָנווענדונג: טויט און פארניכטונג,
וואָס האָבן איין אופגאבע: שאפן... רויִנען.

פון יענעם־אָ טאָג און פון יענעם־אָ רעגן
האָב איך זיך געלערנט — זיך ווערן, זיך ווערן...

און מאַנען אַט דאָרט, ווו מע דאַרף גאָר ניט פרעגן,
און ריכטיק באַנוצן די בעסטע געווערן.

אַט דאָ וועט ניט שאַטן צוויי קלאָלים דערמאָנען,
ווי ריכטיק באַנוצן די בעסטע געווערן:
ניט שמײַסן מיט בײַטשן דעם יאַם... פון קאַנאָנען
ניט שיסן אַף שפּערן...

5

האָב איך א טאָכטער — קויף איך איר קרעלן,
זאָל זי זיך פרייען, זאָל זי קווענן.
איינמאָל זאָגט זי, זאָגט אזוי גוט:
— כ׳וויל ניט שטאַרבן — אבסאָליוט!
— הייסט עס, מײַן טאָכטער, האַלטסטו פון „וועלן״,
נאַ דיר און שפּיל זיך מיט שיינע קאַרעלן.
אַלע הייסט קאַרעלן — קאַרעלעכלעך!
אַף איין גראַם זיי גייען א סאַך.
דו, מײַן טאָכטער, ווילסט דאָך ניט שטאַרבן,
סילע קאַרעלן! אַלע פאַרבן!
סאַראַ פרייד פאַר יונגע אויגן —
אַלע פאַרבן פון רעגנבויגן.
קליינינקע ברויזעלעך האַלטן אין גלאָז
בלוי, און גרין, און רויט, און ראָז.
כ׳האָף, מײַן טאָכטער, דו וועסט שוין
פאַר מײַנ וואַרטן קריגן לוין,
וועסט באַפרײַט זײַן פון דעם יאָך,
וואָס אין כאָלעם זע איך נאָך,
וואָס פאַרפאָלגט מיך נאָך אין שלאָף,
ווי א לעבנסלאַנגע שטראָף.

וואקסטו און שפּילסטו און לערנסט,
דו פאַרשטייסט שוין: שפּיל קאָן זײַן ערנסט,
נעם זשע די זעלטענע ליכטיקע רעגע —
סילע קאַרעלן — קיינעם ניט פֿרעגן.
קיינעם ניט פֿרעגן, קיינעם ניט הערן,
קיינער וועט איצט ניט דערוועגן דיר שטערן.

פרילינג

צופיל ווילד איז ער, דער ווּנדער,
וואָס דער טאָג מיר טראָגט אנטקעגן —
ניט ער פרייט מער, ניט ער מונטערט,
ער באדראָט און הייבט אָן שרעקן.

גאָר באזונדער, גאָר באזונדער
הײַנט דעם פרילינג איך באגעגן,
ווי דעם שוידערלעכסטן ווּנדער
גיי איך הײַנט דער זון אנטקעגן.

ס'גייט דער טאָג זײַן קראפט באווײַזן.
אָט די זון, וואָס שטײַגט אלץ העכער,
האָט געזען איענע הײַזער,
האָט געזען איענע לעכער...

אָט די זעלבע זון די פרײַע
האָט באלויכטן טויט, פארניכטונג.
האָט צו וווינונג און צו שײַער
אָנגעוויזן זיי די ריכטונג.

אָט די שטראַלן אָט די זעלבע
האָבן רויק זיך געצויגן

צו געזיכטער צו פארגעלטע
און צו אויסגעברענטע אויגן!

אין איין שײַנען אלץ געהאלטן
און געהאלטן אין איין בענטשן
טויטע קינדער, טויטע אלטע
און די מערדער... אלע? — מענטשן?!..

ס'ווערט אין מיר מײַן בלוט פארזאָדן!
צו די מ ע נ ט ש ן איך געהער ניט!
ווײַל איך לעב דאָך, ווײַל איך אָטעם...
און איך טייט ניט, איך צעשטער ניט...

ניט קיין טייטער, ניט קיין מערדער —
איך בין יענער, וואָס פארטיידיקט,
אָבער מײַן געווער — בלויז ווערטער...
און ס'פארדריסט מיך הײַנט ביז ווייטעק...

און די האנט — זי פאלט ארונטער...
און די זון איז א בייזוווּנדער!

* * *

1

האר פון מײַן לעבן,
אוווּ נאָר דו ביסט,
זע, אַז מײַן לעבן
זאָל גײן ניט אומזיסט.
ניט איך איצט שעץ עס,
ניט איך עס שוין,
ניט פאַר די לײדן
פאָדער איך לוין,
כ'וויל איצטער אײנס נאָר:
אין שווידער פון שפּיל
זײַן זאָל א שאָטן
פון דעם,
וואָס הײסט ציל,
זײַן זאָל אַן אָנדײַט
פון דעם,
וואָס הײסט צוועק,
זײַן זאָל א רעמעז
אױף דעם,
וואָס הײסט וועג.

2

כ'האָב קיין מוירע ניט פאַר ליידן,
כ'ווייס זיי, כ'קאָן זיי אַלערליי,
האָסט געשענקט מיר הויכע פריידן
אויך פון זיי, אויך פון זיי!
ווייסט, אַזויפיל שווערע קרעפטן
האָבן ברעקלען מיך געוואָלט,
כ'האָב אַף שמעלצן און אַף העפטן
אויסגעבראַכט דאָס בעסטע גאָלד...
וויפל שטורמען אויסגעשטאַנען!
ס'האָט צעווייט און ס'האָט צעשטויבט —
אַף רויִנען כ'בין געשטאַנען,
כ'האָב געהאָפט, און כ'האָב געגלייבט,
און איןווירבל און אין שטורעם
אויסבאַהאַלטן און פאַרהיט
די פאַרמעסטונג פון מײַן אָרעם
און דעם שווּנג פון מײַן געמיט...
מיט מײַן גאַנצקײַט, האַר פון לעבן,
וואַרף אַרײַן מיך אין דעם טהאָם:
אויך דער טהאָם אַ וועג זאָל געבן
פאַר מײַן איינהײַט, פאַר מײַן שטראָם!

3

אַלץ, וואָס איך האָב אין געשאַנק,
גאָר מײַן געפיל און געדאַנק —
זײַן זאָל עס לעבנסלאַנג!

ווייסט, אַז איך וואַרט שוין אָן שרעק
אַף דעם ענדגילטיקן וועג,
ווען דו וועסט זאָגן: אַן עק.

האר פון דעם לעבן! דו
ווייסט, אז איך בעט ניט קיין רו,
כ'בעט נאָר — מיטאמאָל נעם צו...

אלץ — אין איין אויגנבליק
וויל איך דיר שענקען צוריק,
שענקען מיט לויטערן גליק:

ריינקייט פון צאַרטסטער טרער,
שיינקייט פון טיפסטן קלער,
ס'בעסטע, וואָס מיר געהער.

4

האר פון מײַן לעבן! ווייסט,
ווי איך האָב אַף רויִנען
זוכן געקאָנט און געפינען
ליכטיקייט און טרייסט.

פרײַנטשאַפט און ליבע פאַר טרייסט,
אלץ האָב איך אָפּגעגעבן...
מעכטיקער האר פון מײַן לעבן,
ווער נאָך, ווי דו, דאָס ווייסט?

ס'האָט מיר מײַן פאָלק פארטרויט
דרייסטע און הויכע פארלאנגען,
וויל איך אָט די געשאנקען
אויסבאהאַלטן פון טויט.

5

ווען דער טויט וועט זיך ניט קערן,
ווי די זאך זאָל ניט געשען,
כ'הער די ליד, וואָס איך וויל הערן,
כ'זע דאָס בילד, וואָס איך וויל זען.

כ׳זע די בערג, און כ׳זע די פלאכן,
כ׳הער פון אויסלייזונג די ליד,
וואָס אף אלע, אלע שפּראכן
האָט א וועג זיך אויסגעגליט.

אף די בערג און אף די פלאכן
כ׳זע דעם בלי פון מײַן געמיט,
כ׳הער אין אלע, אלע שפּראכן
אויך דעם אָפּקלאנג פון מײַן ליד...

6

באל־קאָרכאָ בין איך אָט אָ־דאָ אף דער ערד,
נאָר פרײַוויליק וויל איך די ערד ניט פארלאָזן!
מײַן איצטיקער כוויוו איז — דאָ לעבן זײַן ווערט
און קושן די ערד, ווו מײַן שוויים כ׳האָב פארגאָסן.

ווי שווארץ ס׳איז די ערד, נאָר איך פיל ניט קיין שרעק,
די בענקשאפט איז שווער, נאָר איר לאסט וויל איך לײַדן.
א זילבערנער קוואל שלאָגט אין הארצן און וועקט
די האָפענונג אף נאָענטע בעסערע צײַטן.

איין אויצער פארמאָגן איז מיר דאָ באשערט:
מײַן הארץ, וואָס האָט אלץ אזוי ליב דאָ געקריגן:
אז פרײַ זאָל דאָ ווערן מײַן לײַבלעכע ערד —
אויך אים בין איך גרייט איצט א וואָרף טאָן אין טיגל.

איך האָב ניט געבעטן — באל־קאָרכאָ איך לעב,
נאָר פרײַוויליק וויל איך די ערד ניט פארלאָזן...
דײַן איינציקער כוויוו, מענטש, פון שאפונג דאָ שעפּ
און קוש אָט די ערד, וואָס דײַן שוויים האָט באגאָסן.

* * *

כ׳וועל ניט געבן די האנט דעם אנטוישטן,
כ׳וועל זי געבן, מײַן האנט, דעם פֿארשמאכטן,
אָ, איך ווייס, ווי ס׳איז שווער אלץ צו אויסשטיין,
נאָר איך קען וועגן ווײַטער נאָך טראכטן.

און דורך רויך ווערט דער ווײַטער שוין לויטער,
ער וועט קומען, דער טאָג, ער וועט קומען,
איך דערפֿיל אים דורך גרויל און דורך שווידער,
און דורך דערנער דערזע איך שוין בלומען.

אוקראַינע

פון רויך, און פון בראָך, און פון אש, און פון שאנד
איך דערזע, דו דערהייבסט דײַן צעשעדיקטע האַנט,
אָט דערהייבט זיך דײַן קאָפּ, וואָס מיט בלוט איז באקלעפּט,
איך דערזע דײַן געזיכט! אָ, ער לעבט, אָ, ער לעבט,
דײַן נאָך קינדערשער בליק מיט שוין מוטערשן צאַר,
און עס לויכט שוין די פרייד, וואָס קומט אָן נאָך געפאַר,
דער פארשטאנד, וואָס קומט אָן נאָך פארטומלונג און גרײַז,
ווי וואסער אין פרילינג פון אונטער דעם אײַז —
איך דערזע: אָט דערהייבט זיך דײַן גוף, דײַן געשטאלט,
וואָס די רעשטלעך פון קליידער אַף אים קוים זיך האלט,
און עס פאלן די שמוציקע שמאטעס פון לײַב —
ס'איז צו זען שוין, ס'א קינד א דערוואקסנס, א ווײַב,
ס'איז א ליכטיקער קערפּער מיט שיינקײַט, וואָס שײַנט
אי דורך שאנד, אי דורך שפּאָט, אי דורך גוואלדטאט פון פײַנט.
ס'איז א יונגע, א זויבערע, זיכערע קראפט,
וואָס זיך ווערט, וואָס זיך לײַטערט אָן אופהער און לאכט,
וואָס וועט גיך זיי פארהיילן, די ווייען, די שאנד —
ס'איז אוקראַינע מײַן היים,
אוקראַינע מײַן לאנד.

אף אונדזער אוקראַינער ערד

אזוי, אזוי איז אונדז באשערט
אף אונדזער אוקראַינער ערד —
מיט צארטע פעדעם העפטן, פלעכטן
דעם הײַנט דעם בלוטיקן, דעם נעכטן.

פון יענע אָנהייבדיקע טעג
דורך וואָלקנס שווידער, כמארעס שרעק
אונדז שײַנט אי פײַערלעך, אי הארציק
דער נאָמען שטשאָרס, דער נאָמען שווארצמאן.

דער זון דער שטאָלצער פון מײַן פאָלק,
דער רײַטער פון באָגונער פאָלק
מיט העלדנמוט פאר אלע, אלע...
איז אין וואָלין, ווי שטשאָרס, געפאלן.

אוןביידע נעמען פון דער ווײַט
זיך בינדן אין געמיינזאמקײַט
און ווערן אין איין רוף אין שטאָלצן
מיט נײַער העלדישקײַט געשמאָלצן...

דורך בלוט, דורך שווידער גייען טעג
און ברעכן דורך א נײַעם וועג —

אַף קוואָרים פּרישע, אַף רויִנען
מירן אפּדאָסנײַ דאָס לעבן שפּינען.

אזוי, אזוי איז אונדז באשערט
אַף אונדזער אוקראַיִנער ערד —
דעם האס פּון דוירעס און זײַן שאָטן
מיט הייסער ליבע אויסצוראָטן.

* * *

ואעבור עליך ואראך מתבססת בדמיך
ואמר לך: בדמיך היי! ואמר לך: בדמיך היי![1]
(יחזקאל, טז, ו)

איך זע —
ביסט אינגאנצן אין בלוט.
איך זע,
אז מיט קויט איז דײַן שטערן באקלעפּט.
איך זאָג דיר:
ניט טרויער! געדענק —
דײַן מויעד, ער לעבט! אָ, ער לעבט!
און דורך פּײַן און דורך פּלאָג
איז, ווי שטענדיק, אין שאפן, אין גלוט.
איך זע —
מיט בײַלן דײַן גוף איז פארוועבט,
און מיט ווונדן באדעקט איז דײַן ברוסט —
ביסט אינגאנצן אין בלוט...

[1] און איך בין דיך פארבײַגעגאנגען און האָב דיך געזען זיך וואלגערן אין דײַן בלוט און כ׳האָב דיר געזאָגט: אין דײַן בלוט לעב! און כ׳האָב דיר געזאָגט: אין דײַן בלוט לעב!

איך זאָג דיר:
ניט טרויער! געדענק —
דײַן קויעך, ער לעבט! אָ, ער לעבט!
דײַן הארץ דאָרטן אינוויייניק שלאָגט
און טרײַבט ווילן און גלוסט,
און איז פול נאָך מיט דרייסט און מיט מוט!..
און דײַן האנט, דײַן געניטע פילפאכיקע האנט
(זי געמאָלט האָט רעמבראנדט),
איז צום שארפסטן געווער,
ווי צום צארטסטן געצײַג, שוין געווווינט.
כ׳וויים, דײַן גורל איז שווער, אָ, ווי שווער!
נאָר דײַן שליכעס איז גרוים!..
ווי די צײַט דיך ניט שוינט,
דו טראָג אים, דײַן פּײַן, אָן געוויין!
גיי ארויס
און שרײַ אוים:
וועלט־אוים,
וועלט־אײַן!
און אין וועלטישע קאָנען
צו קאָנען זיך שטעלן און שטיין
און צו זײַן —
לוינט!

באם טײַך דיאָמע

א

כ׳האָב קײנמאָל ניט געטראַכט,
אַז כ׳וועל אַמאָל דאָ זײַן,
אַהער האָט מיך געבראַכט
אַ פּאַס פֿון לייד און פּײַן.

אוי, אוי, ס׳איז ניט דאָס לאַנד,
וואָס כ׳האָב אַמאָל געזוכט,
נאָר מילך איך האַלט אין האַנט,
אויף האָניק כ׳האָב פֿאַרזוכט.

און ברייט זיך שפּרייט אַ טײַך
און פֿרידן זאָגט נאָך צו,
ווען איך, מיט אַלע גלײַך,
געניסן וועל פֿון רו.

דערפֿאַר מײַן זון דאָרט קעמפּט,
דערפֿאַר לײַד איך אָט דאָ,
און האָפֿענונג מיר דעמפּט
די אָוונטיקע שאָ.

מיט אלע פעלקער גלייך
אין אונדזער גרויסן לאַנד
מיר זיינען זאַט און רייך
און שטרייטן קעגן שאַנד.

פון לייד און פּיין א פּאַס
האָט מיך אַהער געבראַכט,
און אויך מיין אַלטער האַס
איז דאָ מיט מיר און וואַרט.

איך טראָג מיין לייד, מיין פּיין
מיט האָפענונג אין בליק
אַף נייעם פרייען זיין,
אַף פולשטענדיקן זיג.

ב

ד׳אָרפיש, באַשקיריש אַף פעלדער־באַראָט,
שווערע יעדיִעם פון קיִעוו דער שטאָט.

דיאָמע דער טייך און דער פישפאַנג אַף אים,
כ׳הער פון מיין יוגנט א צערטלעכע שטים.

כ׳האָב ערשט געלערנט די רוסישע שפּראַך,
פישפאַנג פאַר מיר איז א רייצנדע זאַך.

אלץ, וואָס דערציילט מיר פון אונדזער נאַטור,
האָט אין מיין הארצן געצייכנט א שפּור.

כ׳וווין בא מיין זיידן, ער הייסט ניט באַגראָוו,
און ער פאַרמאָגט ניט קיין רינדער, קיין שאָף.

און ער פֿאַרמאָגט ניט קיין דינערס, קיין קנעכט,
און פֿון זײַן אַרבעט זײַן רוקן אים ברעכט.

לייגט ער אַוועק זיך בײַ אייגענער שוועל,
איך, ווי אַ בכאָר, אױף זײַן רוקן זיך שטעל.

כ'הייל אים אַזוי פֿון זײַן שטעכעניש אויס,
און מיט מײַן שליבעס האַלט איך זיך גרויס.

וואָס איז געמיינזאַם פֿאַראַן צווישן מיר
מיט אָט דעם איינִיקל פֿון אָט דעם גוויר?

ליבע און בענקשאַפֿט און מענטשלעכער ווײ —
אָט וואָס האָט דענסטמאָל פֿאַרייניקט די צוויי:

מיך — נאָך אַ שנעק, וואָס דעם בוך האָט געלייענט,
אים — דעם דערציילער, וואָס קינדווײַז דאָרט וויינט,

בענקט נאָך זײַן מוטער און פֿרייט זיך מיט איר,
קוקט אױף דעם וועלטל מיט נײַגער, מיט גיר,

און אין זײַן האַרצן שוין צאַפּלדיק טראָגט
אָנהייבן שיינע פֿון מענטשן, וואָס נאָגט

און וויל, אַז דער צווייטער אין ווײַטערע יאָר
זאָל פֿון זײַן לעבן דערוויסן זיך קלאָר,

זאָל אויך דערשפּירן זײַן פֿרייד און זײַן לייד,
ס'זאָל אים דערפֿירן צו ווײַטערע רייד...

* * *

סיִפּי קודאשן[1]

זאָל זײַן,
אז מענטשן־האס פארשוועגקט אצינד דעם רוים
פון לענדער הונדערטער, פון קאָנטינענטן
און ווילדער מעשוגאס מיט ברוינעם שוים
זיך טראָגט אצינד אָן אָפּהאלט און אָן צוים
פון שטעט פארפעסטעטע בערלין און רוים
אף שעטעכן פון שאָלעם פון געשענדטן —

זאָל זײַן!
נאָר ס'גייט, עס קומט אין שווינדיקן געלאָף
פאר פרעכע מענטשן־פרעסער און פאר מערדער
די שאָ פון אָפּצאָל און פון שטראָף,
די שאָ, וואָס וועט אוועקלייגן א סאָף
דעם סאם, וואָס יוירט, און דעם געשווירן־שטאָף,
וואָס צערט אצינד דער מענטשהײַטס קערפּער.

זאָל זײַן!
זאָל זײַן, אז בא די וואָרצלען פון דעם בוים

---

[1] סיִפּי קודאש — א באשקירישער שרײַבער.

פֿון ברודערשאַפֿט, וואָס וועט באַשטענדיק שטײַגן,
וועט אונדזער אָנשטרענג זיך באַמערקן קוים,
ווי אָט דאָס שאָלעכץ פֿון דעם קליינעם זוים,
וואָס איז געווען דער אָנהייב פֿון דעם בוים,
פֿון גאַנצן שטאַם, פֿון אַלע זײַנע צווײַגן —

זאָל זײַן!
נאָר אָט דער גלי פֿון האַרצן — אונדזער ליד
וועט אומבאַדינגט איענע צײַט דערגרייכן,
ווען ס'וועט שוין יעדער מענטשלעכער געמיט
פֿאַרמאָגן פֿרײַנטשאַפֿט, וואָס אָן אויפֿהער בליט,
וואָס מענטש צו מענטש מיט פֿעסטע פֿעדעם ציט,
וואָס אונדזער ליד איז איר דער אָנהייב־צייכן.

*   *   *

אלע פאר דער צײַט פארשניטענע

עס הייבט אָן שעמערירן,
דאָס לופטיקל איז אָפן,
מײַן פענצטערל אַף צאָפן
האָט אופגעהערט צו פרירן,
נאָר ליכטיק וויל ניט ווערן,
עס הערט ניט אוף צו טרערן.

די ווײַטן ווערן ווײַטער,
דער נאָענט ווערט ניט קלאָרער,
נאָר איינס איז קלאָר און דײַטלעך —
אזויפיל שוין פארלאָרן...

קיִעוו

ביז טרערן ליב, ביז ווייטעק טײַער,
איך זע דיך, היים, איך זע דיך, שטאָט,
דײַן האנט דו־ך שאנד, דורך רויך, דורך פײַער
דערלאנגט די העלדישע באפרײַער
דײַן העלן אָנזאָג, דײַן געבאָט:

פארמערט די שמעטערנדיקע קלעפּ,
דעם סוינעס בלוט פון ברייטן דניעפּ
צום יאם צום שווארצן זאָל איצט שטראָמען,
זאָל אײַער הארציקער געוועב
זיך אָנזעטיקן מיט נעקאָמע.

איך זײַט די אויספילער, די ריכטער,
פון אײַך איצט מאָן איך פאר דער שאנד,
פאר שוידערלעכע יאָרן צוויי,
פאר אלץ באצאָלט זיי, די פארניכטער,
דעם גאנצן דאָר, דעם גאנצן לאנד,
וואָס האָט אין שאנד געבאָרן זיי.

ביז טרערן ליב, ביז ווייטעק טײַער,
איך זע דיך, היים, איך זע דיך, שטאָט,
זאָל פון דײַן בלוט, זאָל פון דײַן פײַער
פאר לענדער ווערן א געבאָט
פון פעלקער־פרידן און גענאָד!

* * *

זיבן טעג האָב איך געשוויגן,
איך האָב אָפּגעשוויגן שיווע —
אף דעם אכטן כ׳בין ארויס
פון מײַן אויסגעשטומטן הויז.
ס׳בעט זיך שוין דאָס וואָרט דאָס ערשטע,
איצטער שטייט מיר פאָר דאָס שווערסטע,
איצטער קומט די גרויסע לייד —
ריידן מוז איך, ס׳גייען רייד...
כ׳בין פארמישפּעט ווערטער פּראָסטע
שטעלן רייענווייַז געמאָסטן,
און פון ווייען און פון לייד
שאפן פײַן־געפורעמטע רייד.

* * *

נעם דײַן ביסל קראַפט און היט עס,
ניט פאַרגעס אין דײַן יעכידעס.
וואָס איז איינער דאָ אַצינד?

וואָס איז איינער מיט זײַן קוויטל,
מיט זײַן מאַזל, מיט זײַן גורל
אין דעם יאַם פון ווײ און ווינט?

איינס, נאָר איינס איז דיר געבליבן:
ווּ דו זעסט אַ פונק פון לעבן,
פון דעם שטורעם אים פאַרשטעל.

זאָל ער זײַן אין אַש צעגליטן,
עפּשער וועט ער זיך פאַרהיטן,
וועט אַמאָל נאָך ברענען העל,

ניט אַליין — מיט אַלע אײנײנעם
ברענען מיט אַ פלאַם אַ ריינעם
און באַלויכטן ברייט

אַלץ, וואָס איז דאָ נאָך פאַרבליבן,
אַלץ, וואָס ווײַטער ציט דאָס לעבן
און פאַרשאַפט, פאַרמערט די פרייד.

* * *

איך גיי און גלייב ניט מײַנע לײַכטע טריט,
איך קוק און גלייב ניט מײַנע ברייטע אויגן.
וווּהין זײַנען די וואָלקנס פֿײַן אוועקגעפֿלויגן,
ווער האָט עס דורכזיכטיק געמאכט מײַן שווער געמיט?

אין נײַער שײַן האָב איך דערזען די קרעמלער ווענט,
די ברעגן פון דעם טײַך און איבער זיי דעם הימל,
אזוי זיך העפטן האָבן קיינמאָל ניט געקענט
דער הימל און די ערד אין איין פארפעסטיקט רעמל.

אלטע ביכער

כ'האָב ליב די צוקונפט, ווען דער אָוואר ליגט דאָ נעבן —
אין מאָסקווע האָב איך אלטע ביכער זיך געקריגן,
און ווידער אלטע בילדער שוועבן פאר די בליקן,
און ווידער פיל איך אים, דעם טאם פון פולן לעבן.

ווי קורץ איז ער, דער פאס פון לעבן, און ווי שמאָל,
אויב ער איז נאָר באַגרענעצט מיט דײַן קליינעם איך.
דאָס לעבן יאָגט אזוי — פון גיכער איז עס גיך,
ס'איז גוט, וואָס ס'איז געווען, וואָס ס'וועט נאָך זײַן „אמאָל".

ווײַל אויך די קעגנוואַרט, איעדער אויגנבליק —
נאָך איידער דו באַוויַיזסט באמערקן, אָוואר ווערט.
און גוט די צוקונפט בויט זיך אף דער ערד,
ווען אלץ געבונדן איז מיט פעסטע, צאַרטע שטריק.

ניט איך, ניט דו מיט קליינעם הויזגעזינד,
עס גלוסט זיך שאפן פאר דער וועלט נאָך ווי א פאָלק,
מיט זין געטרײַסטע מערן איר דערפאָלג
און ווערן פאר דער מענטשהײַט א געראָטן קינד.

א קינד פון עלטערן, וואָס האָבן טרײַ געדינט
מיט זייער אָנגעשטרענגטער מי דעם גאַנצן זײַן,
א קינד פון פאָלק, וואָס האָט געלײַטערט זיך אין פײַן,
וואָס גליק אין פרעמדן אומגליק קיינמאָל ניט געפינט.

מײַן אָנהײב־הײם

דאָס צװײטע מאָל באַפֿרײַט מײַן שטאָט, מײַן אָנהײב־הײם,
אַמאָל אַ שטעטעלע אַ קלײנס באַם טעטער־טײַך.
אין רױש פֿון הױפּטשטאָט בענק איך איצט געהײם
אַהין, אין װײַטן אָרעם־רײַכן קיניגרײַך.

דאָרט צװישן פֿעלדזן, זע איך, הענגט אַ ברײטער בריק,
דאָס זעמדל שפּרײט זיך אין דער װײַטן קלאָר און רײן,
דאָרט האָבן זיך געקװיקלט טעג פֿון יונגן גליק,
דאָרט האָט גערוט מײַן עלטער־עלטערנס געבײן.

איך האָב געלײענט: אױפֿגעריסן יענער בריק...
מײַן האַרץ אין ענגער ברוסט פֿון װײ האָט אױפֿגעברױזט.
פֿאַר װײ, פֿאַר בענקשאַפֿט מײַנער אין דעם אױגנבליק —
פֿאַר אַלץ באַצאָלן װעט איר, מערדער, קלײן און גרױס!

מאָסקװע, יאַנװאַר 1944

* * *

ביזוואנען נאָר דיכטונג בא מענטשן וועט בלײַען
און ס'וועט נאָך גענוג עקזיסטירן,
וועט יעדער געפֿינען מײַן שפּור:
די וועגן, וואָס צווישן די היימען זיך צײַען,
מײַן ליד וועט זיכער דערפֿירן
דורך לופֿט, דורך מעטאַלענעם שנור.

אוקראַיִנער סטעפּעס און וועלדער סיבירער
און כוואַליעס אַף וועלטישע יאַמען
געהערט האָבן זיכער מײַן ליד.
די ערד מיט דער גאַנצענער הערשאַפֿט אירער,
מיט אַלע מיט מענטשלעכע שטאַמען
די ליד האָבן זיכער פֿאַרהיט.

ס'איז ניט נאָר דערפֿאַר, וואָס איך האָב שוין פֿאַרערט
אין אַלע פֿאַרשיידענע לענדער,
ווו ייִדיש נאָר איז שוין פֿאַרשפּרייט,
נאָר ווײַל ניט פֿאַרשוועכט כ'האָב מײַן אוראַלטע ערע:

מײַן ליד איז אין װײַטן געװענדט
און ביז „האזינו"[1] דערגײט.

דערפֿאַר װײַל מײַן דיכטונג, מײַן בענטשונג מײַן גרױסע,
דער אײדלסטער מארך פֿון די בײנער,
מײַן ציכטיקסטע ליבע, מײַן פֿרײד,
װײל שטענדיק נאָר אײנס, און אײן זאך איז זי אױסן,
און גליט נאָר אין לײַדנשאַפֿט אײנער:
פֿארלינדערן מענטשלעכע לײד...

[1] „ה א א ז י נ ו" — הערט זיך צו — דער אָנהײב פֿון א ליד אינעם טאנא־
כישן סײפֿער „דברים" (דװאָרים), לב.

פונעם בוך

„געקליבענע ווערק“

(1948)

אָנהייב פרילינג

1

כ'ליג זיך שלאָפן מיט די הינער
און שטיי אויף, ווען ס'קרייען הענער,
יעדער טאָג ווערט מילדער, גרינער,
יעדער רעגע ווערט דאָ שענער.

ווען מע דאַרף נאָך דאָ ניט עסן,
ווען מע דאַרף נאָך דאָ ניט טרינקען,
כ'וועל אינגאַנצן דאָ פאַרגעסן,
ווי די פּען אין טינטער טונקען.

און צו וואָס איז דאָס פֿאַרשרײַבן
די געפֿילן, די געדאַנקען?
ניט פֿאַרשריבן דאָ פֿאַרבלײַבן
וויפֿל צערטלעכע געזאַנגען?..

אויף די שפּיצן, אויף די צווײַגן,
צווישן בלעטער, צווישן גראָזן
וויפֿל פֿאַרבן קומען, שטײַגן,
ערד און הימל שטיל פֿאַרלאָזן?..

שוין זשע, שוין זשע בין איך איינער,
איך, דער מענטש מיט שוואַכע פֿינגער,
וואָס די גאָרע וועלט די שיינע
דאַרף באַמאָלן און באַזינגען?

2

א פּולע, א ראָזע לעוואָנע
און ביימער געוויינלעכע צווי,
אזוי פּונקט זי מאָלן מיר קאָנען...
אויף פּלאַכן מיר מאָלן אזוי.

און איך פֿיל די קאָסמישע שטרעקע,
וואָס צווישן די ביימער און איר,
און ס'ווילט זיך מיט עפּעס פֿאַרדעקן
דעם טהאָם צווישן „כ'זע" און „איך שפּיר".

און כ'האָב אין דער רעגע פֿאַרשטאַנען:
דער אומרו, וואָס רעגט מײַן געמיט,
פֿון אים איז די דיכטונג אנטשטאַנען,
ס'איז ער שאַפֿט פֿון פּערזן א ליד.

און כ'האָב אין דער רעגע פאַרשטאַנען,
און כ'האָב אין דער רעגע דערפילט:
פונדאַנען גייט קונסט, אָט פונדאַנען,
ס'איז ער שאַפט פון פאַרבן אַ בילד!

אירפען, 20 אפּרעל 1940

אירפּען

1

דרײַ פרײַע, פרײַע טעג האָב איך גאָר לײַכט געקריגן
אַף שעפּערישן אָפּרו, אַף דער טיפער רו,
וואָס שליסט זיך פּלוצעם אײַן אין אָנגעשטרענגטער מי...
דער טײַך אירפּען, דער וואַלד, די לאָנקעס — אַלע היגע...
ס׳איז קלאָר ארום, פיל מאָל מיר קוקעט דער קוקו,
אריכאַס־יאָמים טיילט מען מילד, ווײַזט אויס, דאָ הי...

א גרינע ראַכוועס שפּרייט זיך ווידער פאַר די אויגן,
א שלאַל מיט בלומען אַף דער לאָנקע — געלבע, געלבע...
איז וואָס, איז נאָך א יאָר איז דורכגעפלויגן,
און זי, די וועלט, און דו שוין זײַנען ניט די זעלבע?..

כ׳האָב א געעלטערטן דערזען זיך אין דעם שפּיגל...
א יונגע ליפּע בא דעם פענצטער לאַנגזאַם שטאַרבט...
די צײַט צעקרישעט דעם צעמענט האָט אַף די טרעפּ,
א ביסל אויך צעדרויבלט דאָרט די רויטע ציגל...
נאָר ס׳לעבן בליט און טײַנעט צאַרט און האַרב,
און מענגעס אַלטע ביימער האַלטן פריש די קעפּ!..

אָ, ניין, מײַן רעכענונג מיט וועלט איז ניט פאַרענדיקט!
איך פֿיל אין ענדערונג די גרויסע פרייד פון שטענדיק!

2

א גוט־מאָרגן אַלע אײַך!
כ'הער, איך ענטפער: א גוט־יאָר!
אָט דער נעפּל אױף דעם טײַך
מאַכט דעם קאָפּ מיר פריש און קלאָר.

דער באַגינענדיקער טוי
איז ניט קיל און איז ניט פײַכט,
ער דערמונטערט מיך אַזוי,
מאַכט מײַן טראָט מיר יונג און לײַכט.

און די קוקאַווקע אין וואַלד,
דער נאַיִווער קוקו־קלאַנג
זאָגט אָן אויפהער: ביסט ניט אַלט,
וועסט נאָך לעבן זייער לאַנג!..

* * *

זעלטענער ווערן די ציטערס די שיינע פון הארצן,
פריידיק, ווי וויַין פון דעם זוניקסטן טאָל,
אָבער די צעלן פון קערפער פון גאנצן — זיי ווארטן,
ווארטן אף זיי מיט געדולד, ווי אמאָל.

און ווי אמאָל קומט ער פלוצעם, דער מעכטיקער ציטער:
דיכטער, דו שלאָף ניט, דו, דיכטער, דערוואך,
און ביז די טיפן פון וועזן פארזינקט און דערשיטערט
אלץ, וואָס דאָ שוועבט אף געוויינלעכער פלאך.

און מיט אן אָפשיַין פון וויַיטן פארבאָרגענעם פיַיער
ווערט אלץ באהעלט און אלזיַיטיק באשטראלט...
געסט מיַינע טיַיערע, רעגעס פון שאפונג פון פריַיער,
קומט צו מיר אָפט און אף לאנג זיך פארהאלט.

פרימאָרגן

דאָ פון אונטן, דאָרטן אויבן,
נאָרוואָס אופגעוואכט פון דרעמל,
פול מיט אומשולד, קלאָר און זויבער
ליכטיק שוועבן ערד און הימל.

און ווי נאָרוואָס פריש געבאָרן,
אף די וואָלקנס לויכט דער זילבער,
וואָס מיר יאָרן, ווער מיר יאָרן:
אין מײַן קינדהײַט כ׳קלײַב זיך איבער.

אין מײַן קינדהײַט, כ׳זאָג עס גלייביק,
וואָס דעם אָנהייב האָט באצייכנט
פון א לעבנספולן שמייכל,
פון א צאַרטקײַט, וואָס איז אייביק.

אין טעג פון אָנהייב

איז וואָס, איז וואָס, אַז כ׳בין שוין גראָוו און אַלט געוואָרן —
אַף הויכער שאַפונג האָב איך אַלע שיינע רעכט;
צום אַלטן און פאַרהאַסטן כ׳האָב אַזויפיל צאָרן,
איך האָב פון קינדוויַיז אָן געזען אַזויפיל קנעכט,
און צווישן ערשטע כ׳האָב דערהערט דעם רוף פון האָרן,
וואָס האָט דעם אָנהייב פון באַפרײַונג אונדז דערקלערט,
אין שלאַכטן אומגעהייערע, אין פלאַם, אין פיַיער
בין איך מיט זיי געוועזן אַ דיכטער אַ געטרײַער.

מיט זיי, מיט אַלע, מיט באַרימטע און מיט שטומע,
מיט אומבאַוווּסטע מיטגייער און גוטע פרײַנט
אַף שליאַכן ברייטע און אַף סטעזשקעלעך אַף קרומע,
זיי אַלע כ׳וויל מיט האַרציקיַיט דערמאָנען היַינט...
כ׳האָב דעם שטילן ייִזקער לאַנג שוין אופגענומען
נאָך ערעוו... פּלוצעם אָנגעפאַלן איז דער פיַינט, —
און ייִזקער, ווי אַ שטורעם, האָט זיך דורכגעטראָגן
אַף אַלע וועגן פון דער וועלט, אַף אַלע ראָגן...

כ׳האָב פון מיַין וויַיטער קינדהיַיט דענסטמאָל אָנגעהויבן,
פון דענסטמאָל, ווען „אין טהאָם פון נאַכט, אין לאַנד פון שניי״
אין קליינעם דערפעלע האָב איך מיט יונגן גלויבן

געגרייט זיך צו „פּראָצעסיע״, צום אויסגעשריי
„איך גיי״[1]... כ׳האָב פויגלען אויך באשווערט מײַן זיי ניט קלײַבן...
און איצט... אין גרויס פארלוירנקײַט פאר אײַך איך שטיי,
און איצט... איך שטיי מיט פרײַנט פאריאָסעמטע צוזאמען
אף קוואָרים־פעלדער און אין מייסים־שטעט אָן צאמען.

אין מײַן אָנגעשטרענגטער האנט איך האלט מיט ציטער
מײַן דינינק ביכעלע, וואָס הייסט נאָך אלץ „איך גליב״,
און אָפּט איז פאר די אויגן פינצטער... ביטער
איז אָפּט דער ביסן אין באטריבטן לאנד, איך הייב
די בליקן צו די העכסטע טורעמס... היטער
געטרײַ דאָרט שטייען... יאָ, איך גליב, איך גליב!
מיט בעסטער רעשט פון אלע מײַנע גרויסע קרעפטן
צום זיג־געשריי וועל איך, אויך איך מײַן שטים באהעפטן.

מײַן זינגענדיקע שטים איצט פלעכט איך דרייסט ארײַן
אין כאָר, וואָס וועט די ליד פון גרויסן זיג גיך זינגען,
וואָס וועט מיט רום מיט אייביקן דעם טיפן פּײַן
באדעקן און אים אָנשליסן מיט פעסטע רינגען
אין קייט פון הויכע לײדן און פון שענסטן זײַן,
אין קייט פון אונדזער פאָלק, וואָס קיינמאָל וועט ניט זינקען...
זיך גרייטן צו דער ליד כ׳וועל קיינמאָל מיד ניט ווערן,
כ׳וועל שטענדיק זינגען זי מיט פרייד... מיט פרייד דורך טרערן.

---

[1] די ליד „פּראָצעסיע״ האָט זיך לעכאטכילע געהאט אָנגעהויבן מיט די ווער־טער „איך גיי״.

פונעם זשורנאל
„סאָוועטיש היימלאנד"

רוסלאנד

ניט נאָר פון הייכן דײַנע —
פון פלאַכסטער פלאַך
זיך קוקט שוין דורך
די גאַנצע וועלט פון אַלע זײַטן!
די העכסטע טרוימען דײַנע
געפונען האָבן דאָ אַ דאַך,
געפונען האָבן דאָ אַ זוניקן געצעלט
אויף ווײַטסטע ווײַטן.

פונדאַנען זע איך זיי, די אַלע די,
וועד ס'האָט פון מײַנע שענסטע גײַסטער,
פון הערלעכסטע געשטאַלטן
געשפּענסטער אויסגעוועבט
אין אַלטער צײַט, אין מיטלאַלטער...

אין צײַט אין נײַסטער
די רעשטן זייערע איך זע:
וועד ס'וויל זײַן רויבערישן גיר
פאַרשטאָפּן מיט מײַן נויט,
און וועד זײַן ווילטיק בויט

אף גאָרן אומגליק מײַנעם,
ווער ס'וויל, מײַן בלוט זאָל אים ווי שמירשטאָף דינען —
זײַן יעדן קער פונדאַנען זע איך גוט,
פונדאַנען וועט מען צוימען זײַן ווילקיר,
פונדאַנען וועט די קלאָלע אים געפינען.

אָ, גרויסע Русь[1],
אָ, גרויסער שאַפנדיקער קערן פון פאַרבאַנד.
פון טיפן יאַם פון פרײַען וויסן
האָסטו געגערט מײַן אָטעם.
אַזויפיל פעלקער און אַזויפיל שוואָטים
דו נערסט מיט דײַן געהויבענעם פאַרשטאַנד,
וואָס ניט דעראָבערונג ער זוכט,
נאָר לאָזט דער וועלט געניסן
פון זײַנע בעסטע פרוכט...

געבענטשט זאָל זײַן די שאָ,
ווען כ'האָב די וועלט דאָס צווייטע מאָל דערזען
אין לעניִנס ליכט
און ווען צום נײַעם גלויבן
האָסטו, מײַן לאַנד, אויך מיך,
ווי מיליאָנען דײַנע זין, דערהויבן!..

[1] רוסלאַנד.

נאָכן זיג

געבורט־ווייען פון טקופעס דויערן יאָרהונדערטער,
ביז אכציק קוים דערגרייכט ער, אונדזער עלטער,
איך שטיי פון לייד און פרייד ביז גרונטן א פארוווּנדערטער,
און איך באטראכט די יאָרן די געפעלטע.

ס'איז אונדז געהערט דאָס גליק דאָס אומגעהייערע:
דורך ווייען און דורך פּײַנען אומגעהערטע
צעעפענען מיר ברייט די טירן און די טויערן
פון נײַער צײַט, פון פרידן אומגעשטערטן.

איז לאָמיר הײַנט דערמאָנען אלע די געפאלענע,
באערן יעדער הארץ, וואָס איז צעבראָכן...
דאָס איז קאָרבאָנעס הייליקע פאר אונדז, פאר אלעמען,
סימאָנים אייביקע פון דער עפּאָכע.

איז לאָמיר זאמלען קראפט פאר שלאכטן פאר פארביטערטע,
פארוווּנדעטע, נאָך ראנגלען זיך די מערדער,
ניט פעלשן וועלן הערצער, וויפל מאָל דערשיטערטע,
אין שאָ פון שלאכט, אין רעגע אין באשערטער.

1946

אין וועג

נים אזוי די בערג,
ווי די רײַזע צו זיי
דורך שניי און דורך רעגן, דורך נעכט און דורך טעג...
נים אזוי דער ציל, ווי דורך מענטשן דער וועג
אין דעם ענגסטן באריר אויף מיט ווינד און מיט ווײ...

און דאָס קומען אהין, ווו פארגרייט איז שוין אלץ,
און דערהערן, מע זינגט: „אך, ווי ברייט איז מײַן לאנד!"
אך, ס'איז גוט, וואָס כ'פארדין, אז די ערלעכע האנט
זאָל באגעגענען מיך מיט ברויט און מיט זאלץ!

לעכאַים

ס׳האָט דאָס לעבן אונדז פאַרזאָגט:
וויַיטער ציט מיַין ברייטע קייט,
טריַיבט דעם טויט און וויַיט פאַריאָגט,
אקערט טיף און לעבן זייט!..

אָפּגעטראָטן איז דער טויט...
ווי די ווייען זיַינען פריש,
נאָר דאָס לעבן אונדז פאַרטרויט —
לאָמיר גיין צום גרויסן טיש!

אונדזער הויז זיך בויט און בויט!
צו דעם מאָלציַיט ברענגט אריַין
פון די קאַמערס פרישן ברויט,
פון די קעלטערס אלטן וויַין!

דער, וואָס איז געבליבן דאָ,
איז ניט אלט און איז ניט שוואך,
אין א מאזלדיקער שעה
הייבט זיך אָן די לעבן־זאך!

אף צעפּוקעניש די פיַינט
עסן מיר דעם פרישן ברויט,
טרינקען מיר דעם אלטן וויַין —
און די פאָן איז צונטער־רויט!..

פעלדער

אונדזערע איבערוואנדערער

און ווידער, און ווידער, און ווידער, און ווידער
צו אײַך איז געוועגדעט אינגאנצן מײַן וועזן,
ווי דענסטמאָל, ווען ס'האָט זיך מײַן דיכטונג באוויזן,
פון קינדערשע ליפּן געטריפט האָבן לידער.

כ'האָב ווידער דערזען אײַך, אײַך, פעלדער פארשנייטע,
דערזען די דערוואכונג פון ווינטער, פון דרימל,
דערזען, ווי איר פאָלגט זיי, די ווונקען פון הימל,
אוןווארט אף די זוימען פון מענטשן פארגרייטע.

איניינעם מיט פויגל־געזאנג כ'האָב פארנומען
דאָס וויאָקען פון מענטשן באַם אײַזערנעם אקער,
און ווען כ'האָב דערהערט זי, די שפּיל פון מײַן גומען,
אין מויעך געקלונגען האָט איינע א פראגע:

צי שוין זשע איז ריכטיק די אלטע לעגענדע,
אז גאָט האָט פארשאָלטן זײַן ערשטלינג דעם מענטשן,
די אָדעמלעך — אלע פארהאָרעוועטע, עלנטע —
זיי האָבן פארדינט שוין, מע זאָל זיי דאָ בענטשן.

און איך האָב פאַרשטאַנען אין קינדערשע יאָרן:
איין אָרט אין דער אַלטער לעגענדע איז ריכטיק —
פון מי איז דאָס מענטשלעכע לעבן געוואָרן
א ביסעלע מענטשלעך, א ביסעלע ליכטיק.

פון מי שטאַמט דער קלאָרער פאַרשטאַנד אין דעם שאַרבן,
פון מי שטאַמט די מענטשלעכע ליבע אין האַרצן,
פאַרשאָלטן איז דער, ווער עס וויל זיי פאַרדאַרבן,
מיט האַס און מיט סינע דאָס לעבן פאַרשוואַרצן.

איז לאָמיר די אַרבעט באַזינגען און ווידער און אָבער,
די מי פון דעם מענטשן מיט בלומען באַקרוינען...
דאָס שענסטע, וואָס דאָ אויף דער ערד איז דעראָבערט,
איז פרייִדיקע מי — אָט דער לוין פון די לוינען...

מײַן קינדערשע היים דאָרט אין קאָרענעם רעמל!
איך האָב דעם גאַניידן געפונען אין וועלדל,
אין יונגן, אין פרישן געוויקסן־געזעמל,
וואָס האָט דאָרט באַשאָטנט מײַן זומערדיק וועלטל.

געקומען איז האַרבסט, און געקומען איז ווינטער,
מײַן וועלטל האָט, נעבעך, א נאַקעטס געפרוירן,
נאָר גרינינקע סאָסנעלעך האָבן געלינדערט
דעם אומעט, געטרייסט אונדז: ניט אַלץ איז פאַרלוירן!

און אָט איז דאָס ליכטיקע וועלטל געקומען —
דער פרילינג דער צווייטער, ווען פּאָנעם־על־פּאָנעם
בין איך דאָרט געשטאַנען מיט קנאָספּן און בלומען,
מיט ציטער איך מוז אָט דעם פרילינג דערמאָנען.

אין איינעם א ליכטיקן קלאָרן פרימאָרגן
באַשטימט האָט דער טאַטע דאָס וועלדל פאַרניכטן,

איך האָב זי באַווייַנט, אַט די „ווילדע רעציכע“,
און קינדערשע טרערן מיך האָבן געוואָרגן.

נאָר וואָס קאָן מען טאָן דאָ, אז באָדן איז ווייניק
(מיר האָבן דאָס פעלד ניט געזעצלעך געדונגען)
און ווילסטו פאַרזייען — נעם קאָרטשעווע, רייניק —
וועט זיכער דיר עפּעס באַקומען געלונגען.

ווייַל פּראָסע בא אונדז וואַקסט אַף ריִערד, אַף נייַערד,
האַקט מען די ביימלעך, מע קאָרטשעוועט קרעפּטיק,
גלאַנצן די העק, דורך דער אַרבעט געשייַערט,
א פעלד מע באַשאַפט, און מ׳איז אַלע באַשעפטיקט.

א באָדן פאַר פּראָסע, פאַר קאָרן, פאַר גערשטן,
א פעלד ווי א פעלד אַף אומענדלעכע ברייטן,
אָ, גוט פאַרגעדענקט כ׳האָב די בייטן די ערשטע
אַף נייַערד, אַף רויערד מיט פּראָסע פאַרזייטע.

מיר האָבן צעאַקערט, געבראַנעוועט פּלייַסיק,
און צוויי מאָל און דרייַ מאָל אין לענגען, אין ברייטן,
מיר האָבן געזייגט — ס׳איז געראָטן זעלבסט־דרייַסיק,
מיר האָבן די פּראָסע געשניטן אין פריידן.

די בייטן קאַרטאָפל, די פּאַסיקלעך קאָרן!
איך וועל זיי געדענקען אַף וויפל כ׳וועל לעבן,
נאָר מערער פון אַלץ פון די קינדערשע יאָרן
דאָס פּאַסיקל פּראָסע אין האַרצן געבליבן.

אַף פּלייצעס פון יונגט דער שוויס, ווי א ראָסע!
די פריידן די טיפע פון שניטער געטרייַע,
די הירזשענע קאַשע פון אייגענער פּראָסע!
דער אָנזאָג פון לעבן אַף באָדנס אַף נייַע!

1947

מוסטערן פון איבערזעצונגען

א. פושקין

אנטשאר

(בוים פון סאם)

אין וויסטן קארגן מידבער־פעלד,
אױף דארער ערד פון היץ צעגליטער,
שטייט איין־אליין אין גאַנצער וועלט
אנטשאר — א שרעקנדיקער היטער.

די טראַכט פון לעבצנדיקער ערד
האָט אים אין טאָג פון קאַעס געבאָרן
און האָט זײַן שטאַם מיט סאַם גענערט, —
איז ער א בוים פון סאַם געוואָרן.

עס טריפט דער גיפט פון טויטן שטאַם
און ווערט באַטאָג פון היץ צעפלאָסן,
צו אָוונט ווערט פאַרקילט דער סאַם,
אין קלאָרן פעך צונויפגעגאָסן.

עס קומט צו אים קיין פויגל ניט,
קיין טיגער גייט, א שווארצער וויכער

צום בוים פון טויט אמאָל פארפליט
און, שוין פארסאמט, טראָגט אָפּ זיך גיכער.

און ווען א וואָלקן טוט א טריף
אַף דרעמלדיקע בלעטער בלאסע, —
די טראָפּנס פאלן פול מיט גיפט
אַף הייסן זאמד, וואָס דאָרשט נאָך וואסער.

נאָר ס'האָט דער מענטש דעם מענטש געשיקט
צו דעם אנטשאר מיט בליק מיט שטומען,
איז יענער שטיל אוועק אין וועג
און אינדערפרי מיט סאם געקומען.

געבראכט דעם פּעך פארפולט מיט טויט,
א צווײַג מיט בלעטער שוין ניט גרינע,
און קאלטע שטראָמען שוויים, ווי טוי,
פון בלייכן שטערן זײַנעם רינען.

געבראכט, פארשמאכט, און רו גענייסט
אין שאָטן פון געצעלט אַף קאָרע.
געשטאָרבן איז דער שקלאַף בא פיס
פון האר, פון אומבאזיגטן סראָרע.

און ס'האָט דער פירשט מיט אָט דעם גיפט
די פײַלן זײַנע אָנגעזעטיקט,
און טויט האָט ער מיט זיי געטריפט
און לענדער שכיינישע געשעדיקט.

1828

טאראס שעווטשענקאָ

צאוואָע

אז כ׳וועל שטארבן, איר באהאלטן
זאָלט די ביינער מײַנע
צווישן ברייטע מילדע סטעפּעס
אין מײַן היים אוקראַיִנע,
די ברייטפּאָלעדיקע לאָנקעס,
בערג און דניעפּר דער גרויסער
זאָלן זען זיך — ס׳זאָל זיך הערן,
ווי ער ראשט, דער רוישער.

ווען א טראָג טאָן פון אוקראַיִנע
בלוט פון סוינעס גלידער
ביז צום יאם דעם בלויען, — דעמלט
וועל איך בארג און נידער —
אלץ פארלאָזן און זיך לאָזן
ביז די הימלען טראָגן
לויבגעזאנגען, און ביז דעמלט —
כ׳קאָן קיין גאָט פארמאָגן.

מיך באהאלט, שטייט אוף מיט צאָרן,
קייטן רײַסט מיט פײַער,
און מיט סוינעס בייזע בלוטן
רײַך באשפּרענקט די פרײַהײַט!
אין געזינגד אין גרויסן, נײַעם
מיט א פרײַען ווילן
ניט פארגעסט אויך מיך דערמאנען
מיט א וואָרט א שטילן.

פּערעיאסלעוו

טאראס שעווטשענקאָ

* * *

לידער מײַנע, דומעס מײַנע!
איינציקע און איינע!
איר זאָלט כאָטש מיך ניט פארלאָזן
אין א בייזער שאָ אזוינער!
קומט צו פליִען, מײַנע בלויע,
מײַנע טויבן יונגע,
פון דער זײַט פון ברייטן דניעפּער
קומט אין סטעפּ דאָ זינגען
מיט די אָרעמע קירגיזן!
זיי זײַנען שוין באנומען,
הויל און נאקעט, אָבער פרײַ נאָך
בעטן גאָט זיי קומען.
קומט צו פליִען, מײַנע ליבע!
מיט שטילע רייד מיט ריינע
כ׳וועל, ווי קינדער, אײַך באגריסן,
מיט אײַך איניינעם וויינען.

אָרסקער פעסטונג. 1847

לעסיא אוקראַינקא

פאַרטאָגיקע פֿײַערן

די נאַכט האָט די מענטשן די מידע פאַרוויקלט
אין ברייטע, אין פינצטערע פליגל.
צו פֿײַער פון אָוונט א סאָף;
און אַלע, וואָס רוען אין שלאָף,
די הערשערן נאַכט האָט פאַרזיגלט.

ווער ס'שלאָפט און ווער וואך איז, איר קראַפט גיט זיך אונטער,
ווייל דעם, וועמען טרוימען נאָך מונטערן.
פון מיר איז דער שלאָף שוין אוועק,
ארום איז נאָך כווישעך און שרעק
און שטום ווי אין קייווער דאָרט אונטן.

די בייזע געשפּענסטער די זעל מיר פאַרשפּינען,
אַף אופשטיין — ווו קויעך געפינען?
נאָר קלאָר איז די פּלוצלינגע ליכט,
זי האָט מיך פון שלאָף אופגעריכט,
עס לײַכט שוין די שײַן פון באַגינען!

די שײַן פֿון באַגינען, וואָס פֿײַערלעך ציטערט,
די פֿינצטערע נאַכט האָט צעשניטן.
די ליכט פֿון דער זון איז פֿאַרוועגדט,
די שײַן פֿון קאַיאָר אָבער ברענט,
די שײַן, וואָס די אַרבעטער ציג׳דן.

שטיי אויף, ווער עס לעבט און וואָס וואַך איז זײַן שטרעבן,
פֿון אַרבעט די שאָ איז דאָ נעבן,
זיך ניט שרעק, וואָס ס׳איז פֿינצטער אַצינד,
פֿאַרטאָגיקן פֿײַער צעצינד,
אויב באַגינען ניט קלינגט נאָך מיט לעבן!

לעסיא אוקראַינקא

וואַרט מײַנס, וואָס ביסטו
קיין שטאָל ניט קיין האַרטער

וואָרט מײַנס, וואָס ביסטו קיין שטאָל ניט קיין האַרטער,
שטאָל, וואָס עס בליצט און עס פינקלט אין שלאַכטן,
ביסט ניט קיין שאַרפֿע, קיין גרויזאַמע שווערד —
די, וואָס די העלדזער די פֿײַנטלעכע שעכט.

וואָרט מײַנס מיט האַרט, וואָס געבראַכט איז פֿון גליִען,
איך בין שוין גרייט דיך פֿון שיידל צו ציִען,
וועסט נאָך פֿאַרגיסן, פֿאַרשווענכן מײַן בלוט,
סאָנים דערשטעכן דו האָסט ניט קיין מוט.

כ'וועל מײַן געווער איצט פֿאַרשפּיצן, פֿאַרשאַרפֿן,
כ'וועל אַלע קוויכעס אין קאַמף אַרײַנוואַרפֿן.
כ'וועל עס צעהענגען דערנאָך אויף דער וואַנט,
לײַט אויף געלעכטער, מיר נאָר אויף שאַנד.

וואָרט, מײַן געווער און מײַן טרײַער באַגלייטער,
וויים, אַז מיר טאָרן ניט אומקומען ביידע,

עפשער אין אנדערע דרייסטערע הענט
ווערסטו — א שווערד אף טאליאָנים געווענדט.

וועט זי א גרילץ טאָן, די שארף, אין די קייטן,
גרילץ וועט אין טורמעס פון מערדער זיך שפרייטן,
וועט זיך בארירן מיט שווערדישן קלאנג
און מיט אן אָפקלאנג פון פרײַען געזאנג.

ווילט איר נעקאָמע — מײַן שווערד נעמט מײַן שארפע,
דרייסטער מיט איר אין די שלאכטן זיך ווארפן!
דו, מײַן געווער, דין די קריגער געטרײַ,
דרייסטער בא זיי, ווי אין הענט מײַנע, זײַ!

איוואן פראנקאָ

שטיינברעכער

איך האָב געזען א שיינעם כאָלעם. א פוסטער פלאך
זיך שפרייט פאר מיר. ס'איז אומגעהייער ווילד זײַן אויסזען.
א הויכער פעלדז דאָרט שטײַגט פון וויסטן דרויסן,
איך שטיי געשמידט אין קייטן פאר דעם פעלדז דעם גרויסן —
ווי איך, דאָרט שטייען מענטשן טויזנטער א סאך.

מיט טרויער־קנייטשן שטערנס טיף פארצויגן,
א גלי פון ליבע ברענט בא יעדערן אין בליק.
די הענט האָבן קייטן ענג, ווי שלענג, ארומגעצויגן,
בא יעדערן די אקסלען נידעריק געבויגן,
ווײַל אלעמען א גרויסע שווערע מאסע דריקט.

אין יעדער האנט אן אײַזערנער, א שווערער האמער,
און ווי א דונער פון דער הייך, א קאָל זיך טראָגט:
„איר שטורעמט דעם פעלדז, צעברעכט די ווילדע צאמען,
ניט שרעקט זיך פאר קיין מי, פאר אלע שלעק צוזאמען —
ס'איז אײַך באשערט דעם פעסטן פעלדז צעשטערן: שלאָגט!"

ווי איינער, אלע האָבן מיר די הענט געהויבן,
און טויזנט האמערס שווערע פאַלן אויף דעם שטיין,
פון טויזנט זייַטן מוז דער פעלדז זיך דרויבן,
אין שטיקער אָן א צאָל, אין ברעקלעך און אין שטויבן
געשווינד צעפאַלט זיך זייַן פאראקשנטער געביין.

ווי הילך פון שלאכט און ווי פון וואסערפאל דאָס שלאָגן,
האָבן האמערס אונדזערע געדונערט איינס נאָך איינס,
און טראָט נאָך טראָט מיר האָבן אָרט געקראָגן,
כאָטש פיל פון אונדז האָבן שטיינער שווער צעשלאָגן,
און ווייַטער אלץ געגאַן און ניט געבליבן שטיין...

ניט וויינען — ברעכן מויערן.
זאָל זייַן פאר די קינדער,
אויב ניט פאר זיך אליין,
אויסקעמפן גליק מיט אייגן געביין.

פאולאַ טיטשינא

איך גיי פון ארבעט, פון זאוואָד

איך גיי פון ארבעט, פון זאוואָד,
א מאניפעסטאציע אין שטאָט.
אין בלומען אלע גאסן שרייַען:
לעבן, לעבן זאָל די פרייַהייַט!

עס לאכט די זון אין הימל־ראָד,
און וואָלקנס אף די פערדלעך שוועבן...
איך גיי פון ארבעט, פון זאוואָד
דער מאניפעסטאציע אנטקעגן.

א פרילינג האיאָר! א באראָט!
אין אלע הערצער שטראלן ראשן...
— די אָרעמשאפט מיט ערד פארקנאסן,
וועט פרידן זייַן שוין א געבאָט,
איך גיי פון ארבעט, פון זאוואָד.

מאקסים רילסקי

אין דעם טאָג

נו, זאָג נאָר, אַלטער, וואָס גראָד הײַנט
זיי שמייכלען, אַלע דײַנע ווערטער,
ניט אַנדערש, אין דײַן אַלטן קערפּער
איז קאַמף און ליבע הײַנט אַרײַן?
— אין אָט דעם גרעסטן צווישן טעג
אַפן יונגן וועג איז אַלץ אַוועק.

וואָס פרייסטו זיך, דו, ברודער שמיד?
וואָס גרייסטו זיך, דו, מענטש באַם אַקער?
ווּהין איצט שפּאַנט איר ביידע טאַקע
אַרומגענומען, ברידער אין געמיט?
— דער גרויסער טאָג האָט אונדז באַפרײַט,
די שמידן און די אַקערלײַט.

פאַרוואָס האָסטו הײַנט אָנגעקליידט
דאָס שענסטע קלייד דײַנס, וועבער,
פאַרוואָס די קליידער דײַנע שוועבן

מיט בלומען־קרענץ פֿון הארבסטן־בייט?
— דער טאָג דער גרעסטער פֿון די טעג
פֿאר אלע וועבער ווײַזט א וועג.

וואָס האָסטו, יונגלינג, אָפּגעווענדט
פֿון בוך דײַן בליק, דײַן גיריק־רײַכן,
און זיך געשטעלט מיט דײַנע גלײַכן
אין פֿריידיק־דירעוודיקער וועלט?
— דער טאָג דער ערשטער צווישן טעג
האָט אונדז אנטדעקט א זײַטל גליק.

וואָס קלינגט עס הילכיק אזוי הײַנט,
מײַן קינד, דײַן קאָל דײַן זיס, דײַן צארטס,
וואָס וואַרעמסטו מיט פֿרילינג־שײַן
די קאלטע כוואליעס פֿונעם הארבסט?
— לעקאָוועד אָט דעם טאָג אלס לוין
אָקטיאבערל מע רופֿט מיך שוין.

סימאָן טשיקאָוואני

פרילינג

נאָך דעם ווינטער האָבן ביימער ווידער
צעעפנט די קנאָספּן, ווי אויגן פון שלאָף,
אוועק דער קאַטער באַ דער זון, די גלידער
פון דער נאַטור האָט זי פאַרפולט מיט וואַרעם-שטאָף.

און ווי אַ פאַקל איז אין הויף דער קיזיל אָפּסנײַ געבוירן,
און ס'זײַנען זיך פון אים צעגאַנגען שטראַלן אין דער ברייט,
די האָר באַם ווינט האָבן זיי אונטערגעשוירן,
נאָך איידער דער ווינט האָט די האָר צעשפּרייט.

און פרילינג-גרינס האָט געוואַשן דאָס האַרץ באַם דיכטער
און האָט די געבײַדע פון ווינטער צעשטערט,
און דער פרילינג, וואָס פון נײַעם לעבן זיך ריכטעט,
האָט די נאַטור און די ליד באַהערשט.

אין טאָל האָט די לופט זיך צעקלונגען,
דער דיכטער איז אַרויס: — וואָס איז דאָ געשען!
און ער האָט געזאָגט: — מײַן פרײַנט! אַזאַ פרילינג
האָב איך פון דער קינדהײַט מײַנער ניט געזען.

אינהאלט

זײַט

„ווען דער טויט זאָל זיך ניט קערן...“ . . . 3

פונעם בוך „בא וועגן“ (1919)

בא וועגן (1912)

„א גאנצן טאָג...“ . . . 5
„איך גלייב...“ . . . 6
„איך בלוי פון מײַנע טונקעלע פארטאָגן...“ . . . 7
„בא וועגן בא ווײַטע...“ . . . 8
„איך גלייב, ס׳איז מיר באשערט...“ . . . 10
„...א דאנק אײַך, וואנדער־וועגן ברייטע!..“ . . . 11
„איך בין, מײַן וועלט, אפסנײַ צו דיר געקומען!..“ . . . 12
„די זון האָט הײַנט...“ . . . 13

פעלדער (1912)

„דאָרט אף בלויע נאכטן־שנייען...“ . . . 14
אין ווינטער־פארנאכטן . . . 15
„א קאלטער פארצאָרנטער אָוונט...“ . . . 19
פריילינג („טאָג נאָך טאָג...“) . . . 20
„די קריע גייט...“ . . . 22
האלב מײַ . . . 23

אין וואלד („ס׳איז האַלבער טאָג...") 24
„עס זײַנען פאַרפּולט שוין די פעלדער מיט שײַן..." 25
שניט 26
אין וועג („ס׳איז העל דער טאָג...") 27
לעצטע טעג 28
„די נאַסע נעץ פון טריבער כעשוונן־צײַט..." 29
האַרבסט 30

קאַווקאַז (1912)

„א רוישנדיקע גאַס אַרוף א באַרג..." 31
„און ס׳איז מײַן פּײַן פאַר מיר..." 32
אין אַרמעניע 33
„אין הימל־רוים..." 34
„פון באַרג גייט א שטורעם..." 35
„איך שטײַג שוין דאָ צוויי טעג..." 36

פאַרטאָג (1917)

„אָ, צײַט, אָ, צאָל, אָ, רוים..." 38
„שטרעק איך אויסעט מײַנע אָרעמס..." 39
„ס׳האָט מײַן מאַמע..." 40
אין וועג („כ׳וועל שווערן...") 41
אַן עפּל 42
„כ׳האָב דערזען זי באַם טײַך..." 43
„אין ענגן צימער..." 44
„א נעפּל איבער גאַסן..." 45
אָוונט („געליבטע!..") 46
„ווי טרויעריק־זיס איז מענטש צו זײַן!.." 47
וויגליד 49
נעמען 50
רו 52
„אוועק דער טאָג..." 53

א מילדער טאָג 54
אין צימער 55
א שפּענדעלע 56
„איך האָב דיך ליב, מײַן שטיל געהיים געצעלט...“ 57

גאסן

אין גאס 58
„באטאָג, ווען עס האלט נאָך די זון...“ 59
„ס'האָט היינט פון פעלד א פרישער ווינט...“ 61
„דער פלאָנטער פון שטיינערנע הײַזער...“ 62
א הויז 63
אין מאַרג 65
גרוסן קיין סיביר 66
פאַרטאָג („איך שטיי בא מײַן פענצטער...“) 69

צווישן וואלגער־שטיינער

צווישן וואלגער־שטיינער 70
פּראָצעסיע 71
„ווי שארף פון שווערד...“ 72
גערעכטיקייט 73
„אף שטילער פריילינגדיקער הויל...“ 75
„מיר שטאמען פון פעלדזן...“ 77

פונעם בוך „רויטע בליטן“ (1920)

רויטע בליטן 78
„צום נײַעם קנויט...“ 80
העלער וונדער 82
שטראָמען 83
„אָ, פרוי! אָ, לאָקנדיקער וונדער...“ 84
„אהין, אהין...“ 86
ווען ס'קריצן ציין 87

„דערזע איך אף ווײַטע מידבאַריעס...“ 89
„דורך שוימענדיקע רוקנס...“ 91
„אין מיט פון טאָג...“ 92
פרעגסט מיך, שטילער ברודער 94
שטאָט 95

פונעם בוך „גינען־געוועב“ (1921)

„אין ווינט...“ 99
„נו, ווידער זיך וויקל און וויקל...“ 100
וויאַלאַנטשעל 102
„ווידער רויש פון רעדער גיט צו וויסן...“ 104

פונעם בוך „זונען־שלייפן“ (1921)

פאַליפאָניע 105
„צו סאַסנע־גאָלד, צו שווארץ פון דעמב...“ 107
וואַלקנס („גאָט, מײַן גאָט...“) 108
„פון אלע וועלדער, וואָס איך האָב געזען...“ 109
„האָסט די ווילדע פאטלע־צעפלען...“ 110
„רעדסטו, קלינגסטו ברוסטיק שווערלעך...“ 111
„גיט דײַן בליק א ווילדן בלאנק...“ 112
ערשטער שניי 113
„איך ווייס ניט, ווער האָט אונדז געטריבן...“ 114

פונעם בוך „וואלגער־שטיינער“ (1922)

„ניט גראָז פון וויסטעניש, אָ, ניין...“ 115
אָקטאָבער 117
שנייען 121
„די וועגט נאָך באפלאַכטן...“ 123
„אף ערשט פארהארטעוועטער ערד...“ 124
„א שפאן טאָן מיט נײַעם, מיט ברייטן...“ 126
דאָרשט 128

פונעם בוך „טרויער" (1922)

„קוק נאָר אָן..." 130
זון־פאַרגאַנג 132
אין פאַלן 133
קינדער־שפּרוך 138
„קיין דאַך, קיין ווענט..." 142
„אין הייכן דער שטאָם זיך פאַרצווײַגט..." 143

פונעם בוך „ליריק" (1923)

אָרפּאַטשײַ 144
א פּירעק שאָטן ליגט פון טונקלער וואַנט 146
שפּאַציר 147
אָנהייב 148
„פון מאָסקווע דער הויפּטשטאָט..." 149
„אין טיף פון טיפּסטן יאַם..." 150
א כוואַליע 152
„איך בין געווינט..." 154
„דאָרט ערגעץ זוימען זיך שוין ווײַטן..." 156
„אין דער גרויסער אַלייע..." 160
„דער לעצטער בלעטערפאַל..." 161
„אף גאַרנס איבער מיר..." 163
אָוונט 166
פרי 168

פונעם בוך „אף ליכטיקע רויִנען" (1927)

„דינסטו ווײַטן..." 170
„ליבע, גיי זעלטן אַרויס פון מײַן הויז..." 171
„עס וועט צו אַלעמען דערגיין..." 172

„קומט אהער...“ . . . 173
„בלאָער, בלאָער... שטערן העלער...“ . . . 175
„הײַנט בין איך מיד פון אלץ־וויסן...“ . . . 176
דער לייטער . . . 177
פרימאָרגן („ס׳האָט אָנגעווייט...“) . . . 179
„שווארצע, קאלטע, אָפּגעהאקטע שפּאמען...“ . . . 181
„א טאָג יאָגט נאָך דעם צווייטן...“ . . . 182
„ס׳איז שווער צו פארגעסן די שארפע אמאָלן...“ . . . 183
„פארלאָז די שוועל, ארויס אין דרויסן...“ . . . 184
נעכט . . . 185
„א רעמעז אף איר... און אף יענע...“ . . . 187
„און וואָס בין איך שולדיק...“ . . . 188
„פון שויס פון דײַנעם...“ . . . 189
„נו, זאָג מיר נאָר, מײַן פרײַנט...“ . . . 190
„פאר דער רעגע...“ . . . 192
עגול (איגל) . . . 193
מאמע . . . 196
„פאר שטארקע און פעסטע צעמענטן...“ . . . 197
„ליבע צו דעם, וואָס גייט אוף...“ . . . 199
„ס׳איז דורך א זונענגאנג...“ . . . 200
„ס׳איז הארבסט...“ . . . 200

פונעם בוך „פון אלע מײַנע וועלטן“ (1929)

„איז ערגעץ נאָך אזוי אי שטרענג, אי ליכטיק...“ . . . 202
פריילינג („פון גרויסע קרעפטן...“) . . . 204
אין יידישן וואָרט . . . 206
אף דוירעס . . . 208
מאָסקווע . . . 210
„באקענטע, גוט באקענטע ליבע בילדער...“ . . . 212
„שיט א שניי, שיט און שיט...“ . . . 213
„ס׳איז שווער צו נאָכשפּירן...“ . . . 215

„פאר אָט דער קלאָרקייט פונעם הימל...“ . . . 217
צוויי וועוריקלעך . . . 218
א טאָג אזא פאראן . . . 224

פונעם בוך „געזאמלטע ווערק“, ב. I (1930)

„דיין טייערן נאָמען...“ . . . 226
„אָט אזוי ווערט פון הארציקן טוי...“ . . . 228
„דיר, שטענדיקע ענדערונג...“ . . . 229
רעגנבויגן . . . 230
אין וואלד („ניט אומזיסט...“) . . . 232

פונעם בוך „געקליבענע לידער“, ב. II (1931)

„מיין אָנהייב־היים, מיין שטעטעלע...“ . . . 238
סילועטן . . . 240
מיין גאָב . . . 242
„רויש פון רעדער, רויש פון רעדער...“ . . . 245
א רעגן . . . 247

פונעם בוך „פרייד פון בייעם זיין“ (1933)

„אויג אף אויג מיט דיר...“ . . . 252
„אָט די וועלט, ווי זי איז...“ . . . 253
אווטאָפּאָרטרעט . . . 254
פרילינג („פונוואנען קומט ער אָן...“) . . . 255
פאָשעט, איינפאך, פראָסט, געוויינלעך . . . 257
קאָרנבלי . . . 259
„שלאָף ניט, ברונעם...“ . . . 260
פערסיי . . . 262
„זאכן ליגן, זאכן הענגען...“ . . . 266

פונעם בוך „לידער" (1935)

„א ווײַטער דאך־פענצטער..." . . . 268
קאַמפּאַס . . . 269
מײַן הונט . . . 270

פונעם בוך „געקליבענע ווערק" (1937)

פאר אלע . . . 272
אונדזער גאָרקי . . . 274
פארבן . . . 275

פונעם בוך „אין אונדזערע טעג" (1939)

טוי . . . 277
פארוואנדלונג . . . 279
„אוי, א פיקסעלע א ווײַס..." . . . 281
„רויש פון טאָג ווערט שטילער..." . . . 282
„אײַך, מײַנע אורייניקלעך ווײַטע..." . . . 283
„איך ווייס פון שוידערלעכן גליק..." . . . 285
הארץ מײַנס . . . 286
„היימלאנד, היימלאנד גרינע..." . . . 288
ס'וועט זײַן א טאָג . . . 289
זוימען . . . 291
„דער ערשטער בויגן פון רעגן..." . . . 295

פונעם בוך „לידער און פאָעמעס" (1939)

באם בארג פארנאס . . . 296
באם קאסטאליער קוואל . . . 298
ערשטער שניי . . . 299
פארטאָג („ווען אלע שלאָפן...") . . . 300

פונעם בוך „איך גלייב" (1944)

„אָ, וועלט דו מײַנע, וועלט דו מײַן..." 301
„יאָ, איך בין גרויס דערמיט..." 302
זומער 1940 304
פרילינג („צופיל ווילד איז ער...") 309
„האר פון מײַן לעבן..." 311
„כ'וועל ניט געבן די האנט דעם אנטוישטן..." 315
אוקראַינע 316
אף אונדזער אוקראַינער ערד 317
„איך זע — ביסט אינגאנצן אין בלוט..." 319
באם טײַך דיאָמע 321
„זאָל זײַן, אז מענטשן־האס פארשווענקט..." 324
„עס הייבט אָן שעמערירן..." 326
קיִעוו 327
„זיבן טעג האָב איך געשוויגן..." 328
„נעם דײַן ביסל קראפט און היט עס..." 329
„איך גיי און גלייב ניט מײַנע לײַכטע טריט..." 330
אלטע ביכער 331
מײַן אָנהייב־היים 332
„ביזוואנען נאָר דיכטונג בא מענטשן וועט בליִען..." 333

פונעם בוך „געקליבענע ווערק" (1948)

אָנהייב פרילינג 335
אירפּען 338
„זעלטענער ווערן די ציטערס די שיינע..." 340
פרימאָרגן 341
אין טעג פון אָנהייב 342

פונעם זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד“

רוסלאנד 344
נאָכן זיג 346
אין וועג 347
לעכאִים 348
פעלדער 349

מוסטערן פון איבערזעצונגען

א. פושקין. אנטשאר 352
טאראס שעווטשענקאָ. צוואָוע 354
„ „ . „לידער מײַנע, דומעס מײַנע...“ . . 356
לעסיא אוקראינקא. פארטאָגיקע פײַערן 357
„ „ . וואָרט מײַנס, וואָס ביסטו קיין שטאָל
ניט קיין הארטער 359
איוואן פראנקאָ. שטיינברעכער 361
פאוולאָ טיטשינא. איך גיי פון ארבעט, פון זאוואָד 363
מאקסים רילסקי. אין דעם טאָג 364
סימאָן טשיקאָוואני. פרילינג 366

Гофштейн Давид Наумович

ИЗБРАННЫЕ ПРОИЗВЕДЕНИЯ

(На еврейском языке)

М. «Советский писатель» 1968 г. 376 стр. Тем. план 1968 г. № 281. Художник *Г. А. Кравцов*. Редактор *Э. М. Фалькович*. Худож. редактор *Е. Ф. Капустин*. Техн. редактор *И. Ф. Шустер*. Корректор *А. Б. Стрельник*. Сдано в набор 25/IV 1968 г. Подписано к печати 2/X 1968 г. А 09922. Бумага 70×$108^1/_{32}$. № 1. Печ. л. $11^3/_4$. (16,45). Уч.-изд. л. 9,02. Тираж 4 000 экз. Заказ № 308. Цена 1 руб. 10 коп. Издательство «Советский писатель». Москва К-9, Б. Гнездниковский пер. 10. Московская типография № 7 Главполиграфпрома Комитета по печати при Совете Министров СССР. Пер. Аксакова, 13.

24-308